דוד קאַץ (לאָנדאָנער אוניווערסיטעט)

# דער סעמיטישער חלק אין יידיש: א ירושה פון קדמונים

## מעטאָדן און מעגלעכקייטן

תוכן

1. טעקסטן צי ירושה? .......................... 2
2. די סטאַנדאַרד-טעאָריע .......................... 6
3. חשיבות פאַר דער געשיכטע פון יידיש .......... 11
4. עווידענץ פון כתבים .......................... 15
5. א פאַרגרעסערנדיקער צי א פאַרקלענערנדיקער סעמיטישער חלק? .......................... 24
6. סינכראָנישע סעמאַנטיק: סאָציאָלאָגיע צי גענעטיק? .......................... 29
7. דיאַכראָנישע לעקסיק און סעמאַנטיק .......... 33
8. די רעקאָנסטרוקציע .......................... 35
9. די סטאַנדאַרד-טעאָריע איבערן וואָקאַליזם פונעם סעמיטישן חלק .......................... 43
10. די רעקאָנסטרוקציע פונעם וואָקאַליזם פונעם סעמיטישן חלק .......................... 54
11. די אָפּאָזיציעס חולם כנגד קמץ קטן און צירה כנגד סגול .......................... 59
12. דער היסטאָרישער מהות פונעם אָפּנטראַפּיקן קמץ .... 62
13. די אויספלאָנטערונג פון די וואָקאַלן 12 און 13 אינעם גערמאַנישן חלק .......................... 67
14. באַשייד פון דער קמץ מיסטעריע .......................... 71
15. א וואָרט צום סוף .......................... 76
ביבליאָגראַפישע רשימה .......................... 79

אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור
רידזשענטס פּאַרק קאָלעדזש, אָקספאָרד
יג-טז אָב תשל"ט / 6-9 אויגוסט 1979

# דער סעמיטישער חלק אין ייִדיש: א ירושה פון קדמונים מעטאָדן און מעגלעכקייטן*

## 1. טעקסטן צי ירושה?

דאָס לשון פון א ציבור איז אינעם רוב באַקאַנטע פאלן דערגאנגען דורך שפּראַכיקער ירושה פון די פריערדיקע דורות. אָבער ניט איטלעכע שפּראַך און אוודאי ניט איטלעכע שפּראַך אין גאנצן איז א לינגוויסטיש געירשנטע דורך כסדרדיקער איבערגעבונג פון איין דור צום אנדערן. פאַר דער מאָדערנער לינגוויסטיק איז עס א קיימא לן אז שכנותדיקע באַפעלקערונגען זיינען עלול צו האָבן איינע אויף דער אנדערער די סאמע טיפסטע לינגוויסטישע השפעות און קעגנהשפעות (זען א. ווײַנרײַך 1953). אחוץ ירושה און איבערנעם פון שכנים איז פאראן א דריטער פּראָצעס וועלכער איז בכוח אריינצופירן ביי א ציבור שפּראַכיקן חומר. מען קען אריינגעמען עלעמענטן פון

---

*) א סך פון די געדאנקען וואָס געפינען זיך אין דער איצטיקער ארבעט האָב איך געהאט די זכיה אדורכצושמועסן מיט פּראָפ׳ מיכל הערצאָגן, רפאל הלוין און ד״ר מיכאל ווייצמאנען וועלכע זיינען תמיד גרייט געווען אויסהערן, אָנווייזן און קריטיקירן. בעתן צוגרייטן די ארבעט האָט מיר פּראָפ׳ שמעון אבראמסקי בריטהארציק אויסגעליען פארשיידענע יקר-המציאותן פון זיין רייכער ביבליאָטעק (בתוכם שאדע 1592). פּראָפ׳ אבראמסקי האָט ניט געזשאלעוועט קיין מי ארויסצוהעלפן ביי איטלעכן היסטאָרישן און ביבליאָגראפישן אָנפרעג און האָט מיט מיר איבערגעלייענט א צאָל אלטייִדישע טעקסטן. ד״ר יחיאל בן-נון (ירושלים) האָט זיך מיט מיר באריכות אדורכגעשריבן איבער די ענינים וואָס ווערן באהאנדלט אין §§ 9-10. זיינע פרטימדיקע אָנווייזן האָבן געהאט א השפעה אויף א צאָל פאָרמולירונגען. זיי אלעמען א גאָר הארציקן דאנק. איך מוז נאָר אונטערשטרייכן אז די פולע אחריות פאר די פאָרגעלייגטע טעאָריעס ווי אויך פאר טעותן און שוואכקייטן טראָג איך אליין.

קלאסישע לשונות וואָס ווערן באנוצט ניט אויף אדורכצושמועסן זיך נייערט מען לייענט זיי, מען שטודירט זיי, מען נוצט זיי אויף תפילה טאָן.

די ערשטע צוויי פּראָצעסן, ירושה און איבערנעם פון שכנים מעג מען אין איינעם באטראכטן ווי דוגמאות פון ר יי ד - מ ק ו ר ו ת  פון שפּראך בעת דער דריטער פּראָצעס, אריינעם פון טעקסטן איז א דוגמא פון ש ר יי ב - מ ק ו ר ו ת  פון שפּראך. דער צד השווה בייביידע פּראָצעסן איז דער פאקט פון אריינקום. דער חילוק איז אָבער א בולטער, סיי סאָציאָלאָגיש סיי לינגוויסטיש. עלעמענטן וואָס זיינען אריין פון רייד-מקורות, בפּרט געירשנטע זיינען לינגוויסטיש איבערגעגעבענע. ביי זיי קומען ווייניקער אין באטראכט באוואוסטזיניקע באמיאונגען אָפּצוקלייבן און אריינצונעמען, בפּרט אינעם לעקסיקאָן פונעם טאָגטעגלעכן לעבן. דער אקטיווער כוח איז דאָ די גענעטיק פון שפּראך, ניט די סאָציאָלאָגיע פון שפּראך. ביי דעם אריינעם פון עלעמענטן פון שרייב-מקורות דערקעגן, האנדלט זיך לכל הפּחות אינעם ערשטן דור  אין א באוואוסטזיניקן פּראָצעס. מען נייטיקט זיך אין ספּעציעלע קולטורעלע באגריפן און טעכנישע טערמינען אָדער מען פירט אריין שרייבשפּראכיקע עלעמענטן מחמת דעם פּרעסטיזש וואָס זיי טראָגן.

די היסטאָרישע לינגוויסטיק, הגם זי מוז זיך אלעמאָל רעכענען מיט די סאָציאלע פאקטאָרן ארום איטלעכן לינגוויסטישן בייט דאָרטן וואו מען קען די זאך דערגיין, קאָנצענטרירט זיך דער עיקר אויף די שפּראך-עמפּירישע פארהעלטענישן.

ס'טרעפט זיך גראָד אָפט אַז דער היסטאָרישער לינגוויסט
ביים באטראכטן א געוויסע שפּראך שטויסט זיך אָן סיי אין
געירשנטע עלעמענטן (ס'רוב) סיי אין אריינגענומענע
פון טעקסטן (זעלטענער). ער באנוצט זיך מיט די כלים
פון דער קאָמפּאראטיווער און פון דער אינעווייניקסטער
רעקאָנסטרוקציע בכדי צו רעקאָנסטרואירן די ביידן פונעם
וויטן עבר. אזוי ארום קען ער זיך דערגרונטעווען הן
צו דער צייט, ווען בערך א געוויסער איינס איז אריין אין
דער שפּראך, הן צו דעם מקור, דורך וואָסערע צינורות
דער איינס איז אריין.

ווי באקאנט איז אין י י ד י ש פאראן א
ס ע מ י ט י ש ע ר חלק. דעם טערמין ח ל ק נוצן
מיר איינעם זין פון מאקס ווינרייכס ק אָ מ פּ אָ נ ע נ ט,
ד"ה אויף צו באצייכענען יענעם טייל פון יידיש וואָס איז
גענעאלאָגיש קרוביש מיטן דאָקומענטירטן לשון קודש און
אראמיש. די איינסן פונעם סעמיטישן חלק קען מען פון
קיצור וועגן אָנרופן ס ע מ י ט י ז מ ע ן. סינכראָניש
גערעדט איז דער סעמיטישער חלק דורך און דורך
י י ד י ש. דער ערשטער וועלכער האָט פאָרמולירט דעם
סינכראָנישן מעמד פונעם סעמיטישן חלק איז דער גאון
און בויער פון דער נייער יידישער פילאָלאָגיע בער באָראָכאָוו.
„דייטשע, העברעאישע, סלאווישע עלעמענטן", שרייבט באָראָכאָוו
(1913ב: 9), „באלד ווי זיי זיינען אריין אין דער
פאָלקסשפּראך, הערן אויף צו זיין דייטש, העבראיש, סלאוויש,

—— זיי ווערן אָן זייער פריערדיקן פרצוף און נעמען אָן
א נייעם: ווערן י י ד י ש".

פון וואנעט קומט צו יידיש, א לשון וואָס איז
אויפגעקומען און האָט זיך אנטוויקלט אין די טיפענישן
פון אייראָפע, א סעמיטישער חלק? אָפגעטיילט דורך ווייטע
מרחקים פון דער סעמיטישער שפראך-טעריטאָריע האָט יידיש
נים דורכגעמאכט קיין תקופה פון שטחדיקער קאָעקסיסטענץ
מיט וועלכן ניט איז סעמיטיש לשון. שפראך-קאָנטאקט,
הייסט דאָס, ווערט מעיקרא אויסגעשלאָסן פון דער
באטראכטונג. בלייבן אונדז צוויי עיקרדיקע
מעגלעכקייטן: אינקאָרפּאָרירונג פון טעקסטן איז די ערשטע,
לינגוויסטישע ירושה פון דער מזרח תקופה איז די צווייטע.
א טעאָריע וואָס האלט אז יידיש האָט לכתחילה ניט געהאט
אָדער קוים וואָס געהאט א סעמיטישן חלק, אז די
סעמיטיזמען זיינען אריין פון טעקסטן, קען מען אָנרופן
די ט ע ק ס ט ן - ט ע אָ ר י ע. א טעאָריע וואָס האלט
להיפוך אז לפי ערך ווייניק איז אריין פון טעקסטן, אז
יידיש האָט לכתחילה געהאט אין זיך דעם סעמיטישן חלק
וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור ניט-
איבערגעריסנערהייט קען מען אָנרופן די י ר ו ש ה -
ט ע אָ ר י ע. דער ציל אונדזערער היינט איז
אריינצופירן די ירושה-טעאָריע אין דער יידישער
פילאָלאָגיע. מיר וועלן זיך אריינטראכטן אין די

מעטאָדן וואָס קענען צו ניץ קומען און די מעגלעכקייטן וואָס זײַנען פֿאַראַן אויף צו פֿאַרענטפֿערן די קשיא, פֿון וואַנעט קומט עס צו ייִדיש א סעמיטישער חלק.

2. די סטאַנדאַרד-טעאָריע

די טעקסטן-טעאָריע געוועלטיקט אין דער ייִדישער שפּראַך-פֿאָרשונג, זי איז די סטאַנדאַרד-טעאָריע. פֿאַר דער סטאַנדאַרד-טעאָריע איז נאַטירלעך אַז די התחלות פֿונעם סעמיטישן חלק דאַרף מען ניט זוכן מיט די כלים פֿון דער היסטאָרישער לינגוויסטיק ווי מען זוכט אַשטייגער די מקורות פֿונעם גערמאַנישן חלק צי פֿונעם סלאַווישן חלק. מיר קענען דאָ ניט פּרעזענטירן אן אויסשעפּיקע רשימה פֿון אַלע אָנהענגער פֿון דער טעקסטן-טעאָריע אין דער נײַער צײַט, דאָס וואָלט געהייסן כמעט אַלע וועלכע האָבן זיך מיט דער פֿראַגע אָפּגעגעבן. מיר באַנוגענען זיך מיט עטלעכע ציטאַטן פֿון דעם גרעסטן היסטאָריקער פֿון דער ייִדישער שפּראַך מאַקס ווײַנרײַך. דער גערמאַנישער חלק, שרײַבט ווײַנרײַך (1928א: 20) איז אַרײַן „ניט פֿון ליטעראַטור און ניט פֿון גראַמאַטיקעס, נאָר פֿון זײַערע לעבעדיקע שכנים”. דעם סלאַווישן חלק „האָט ייִדיש צו פֿאַרדאַנקען דער שכנישאַפֿט מיט סלאַווישע פֿעלקער” (מ. ווײַנרײַך 1973: I, 251). ווי באַלד ס'קומט אָבער צו רייד דער סעמיטישער חלק איז אַראָפּ פֿון מאַרק, די סטאַנדאַרד-טעאָריע האָט אירע גרייטע ענטפֿערס.

ערשטנס, מכוח דער עצם עקסיסטענץ פונעם סעמיטישן חלק: אחוץ א געווויסער רעליגיעזער טערמינאָלאָגיע וואָס אלע זיינען מודה אז זי איז געווען פון סאמע אָנהייב אָן, איז דער סעמיטישער חלק אן „אינקאָרפּאָרירונג" (ס. ווײַנרײַך 1928א: 20). צווייטנס, מכוח די מקורות פונעם סעמיטישן חלק: „פון די ספרים האָבן געשטראָמט אין דער שפּראַך אריין ווערטער, פראזעס, ווערטלעך, שפּריכווערטער פון די פארשיידנסטע תחומען פון לעבן" (מ. ווײַנרײַך 1973: I, 222). לעצטנס, מכוח דעם לינגוויסטישן מעכאניזם דורך וועלכן דער סעמיטישער חלק איז אריין: „ניט פון מויל צו אויער, נאָר דורכן ספר אָדער דורך ציטאטן פון ספר" (מ. ווײַנרײַך 1973: II, 264).

לאָ די וואָס מען נעמט אָן פאר א פאקט ניט אָפּצופרעגן אז די מקורות פונעם סעמיטישן חלק זיינען די ספרים, מען וויל נאָך געפינען דעם ג ע נ ו י ע ן פּ ס ו ק פון וועלכן דער אָדער יענער סעמיטיזם איז אין יידיש אריין. באָראָכאָוו (1913א: נ' 341) לויבט פּיראָזשניקאָווס ווערטערבוך דערפאר וואָס „ביי די אויסדרוקן ווערט אָנגעוויזן די ש ט ע ל ע אין תנ"ך אָדער תלמוד, פון וואנען זיי שטאמען". די טענה אז מען ווייס אפילו די גענויע פסוקים פון וועלכע ס'שטאמען די סעמיטיזמען געפינט מען אויך ביי גאָלאָמבן (1910: 8) אין דער הקדמה צו זיין ווערטערבוך. אויף ווי ווייט מען ברענגט ציטאטן לשם אילוסטראציע איז דאָס אוודאי לעגיטים. ווען אָבער די ציטאטן ווערן געבראכט מיט

דער איבערצייגונג אז אָט האָט מען אנטדעקט דעם ל י נ ג ו י ס ט י ש ן  אָ פ ש ט א ם  פונעם וואָרט, דעמאָלט ווערט די היסטאָרישע לינגויסטיק פארוואנדלט אין ביבליאָגראפיע. ס׳רעדט זיך דאָ ניט וועגן דעם טיפ ברחל בתך הקטנה נייערט וועגן די טויזנטער טאָגטעגלעכע איינסן פונעם סעמיטישן חלק אין יידיש. די טעקסטן-טעאָריע גיט אונדז צו וויסן אז בקרוב האָט יידיש באקומען פון יחזקאל יא, פסוק ג; ברוגז פון חבקוק ג, פסוק ב; ברית מילה פון בראשית יז, פסוק י (מ. ווײַנרייך 1973: I, 227; III, 233). מער אָפגעהיט איז דער צוגאנג פונעם גרויסן ווערטערבוך וואו די רעדאקטאָרן ווייזן אָן קלאָר אז די ציטאטן וואָס ווערן געבראכט ביי די סעמיטיזמען אילוסטרירן „א כאראקטעריסטישע שטעל אין תנ״ך אָדער תלמוד, וואָס האָט געקאָנט זיין די סיבה אָדער דער שטויס אז דאָס וואָרט אָדער דער אויסדרוק זאָלן ארייַן אין יידיש" (יאָפע און מארק 1961: כ). פאר דער סטאנדארד-טעאָריע איז אָבער אזא מאָדיפיצירונג ניטאָ. מיט דער באוואָרעניש אז מען דארף די סטאטיסטיק פארפיינערן איז מען גרייט אָנצואווייזן אז יידיש האָט „פון ספר בראשית 39 איינסן, פון שמות 28, פון ויקרא 11, פון במדבר 5, פון דברים 12" (מ. ווײַנרייך 1973: III, 234).

די סטאַנדאַרד-טעאָריע איז ניט געבוירן געוואָרן
נעכטן און ניט אייערנעכטן. זי איז ניט קיין אויפטו
פֿון דער נײַער ייִדישער פֿילאָלאָגיע נײַערט אַ פּראָדוקט
פֿון דער קריסטלעכער ייִדיש-פֿאָרשונג פֿונעם זעכצעטן
יאָרהונדערט. די יסודותדיקע הנחה איז געווען אַז די
סעמיטיזמען זײַנען צו דער שפּראַך פֿון די ייִדן
דערגאַנגען אויפֿן זעלביקן אופֿן ווי לאַטײַנישע ווערטער
זײַנען אַרײַן אין דער דײַטשישער קאַנצעלאַריע-שפּראַך. פֿון
אָט אַ דער גזירה שווה איז באַלד אויפֿגעקומען די
בײַפֿראַגע, וואָס זײַנען געווען די ג ו ר מ י ם צו דער
אײַנקאָרפּאָרירונג?

שאַדע (1592: [140-141]) שרײַבט אַז די סעמיטיזמען
זײַנען בנמצא אויף ייִדיש „אַזוי ווי ס'טרעפֿט זיך מיט
לאַטײַנישע אָדער פֿראַנצײַזישע ווערטער אין די דײַטשישע
קאַנצעלאַריעס ... די ייִדן טוען דאָס טיילווײַז צוליב
געוווינטשאַפֿט, טיילווײַז בכדי די קריסטן זאָלן ניט
פֿאַרשטיין". בוקסטאָרף (1603: 152) אין זײַן <u>סינאַגאָגאַ
יודאַאיקאַ</u> גיט אָן די סיבה אַז די ייִדן ווילן ניט
פֿאַרשטאַנען ווערן. אינעם <u>טעזוירוס</u> איז בוקסטאָרף (1609:
657) מוסיף נאָך אַ סיבה, די סעמיטיזמען זײַנען אַ מיטל
דורך וועלכן די ייִדן לערנען זייערע קינדער לשון קודש.
נאָך שאַדען און בוקסטאָרפֿן האָט זיך שוין אײַנגעפֿונדעוועט
אין דער קריסטלעכער ייִדיש-פֿאָרשונג דער באַגריף פֿון
באַוואוסטזיניקער אײַנקאָרפּאָרירונג פֿון סעמיטיזמען אין

יידיש. די זעלביקע אָדער געגליכענע פֿאָרמולירונגען געפֿינט מען ביי זענערטן (1666: 64-65) און ביי האזעלבאוערן (1742: 241). קריזאנדער איז כידוע אוועק פֿון די סטאנדארדע קריסטלעכע באשרייבונגען פֿון יידיש און זיין גראמאטיק בויט זיך דער עיקר אויף די אייגענע לינגוויסטישע אכטגעבונגען זיינע. קריזאנדער (1750: 3) שטעלט אוועק ד ר יי מאָטיוון מחמת וועלכע די יידן פֿירן אריין סעמיטיזמען אין יידיש: ערשטנס, צוליב ליבע צו דער העברעאישער שפּראך; צווייטנס, צוליב דער נטיה צו אויסערגעוויינטלעכע דרכים; לעצטנס כדי די קריסטן זאָלן זיי וואָס ווייניקער פֿארשטיין. ס'קען גריילעך זיין אז דעם עצם באגריף אז דער סעמיטישער חלק איז אריין פֿון די ט ע ק ס ט ן האָט אריינגעפֿירט שודט אין דער יידישער שפּראך-פֿאָרשונג. שודט (1714: II, 281) טענהט אז די יידן מישן אריין העברעאישע ווערטער וואָס זיי האָבן זיך יונגערהייט געלערנט פֿון „א פסוק אָדער טעקסט פֿונעם חומש”. נים קוקנדיק אויף שודטס טאלאנטלאָזיקייט און יודאָפֿאָביע איז ער דער אייגנטלעכער פֿאָטער פֿון דער טעקסטן-טעאָריע. דער אלגעמיינער באגריף פֿון סעקונדערער אינקאָרפּאָרירונג איז שוין פֿון לאנג געווען, שודט האָט אָבער דעם באגריף ספּעציפֿיצירט. די תוך-זאך פֿון שודטס טעאָריע, די הנחה אז פֿון די טעקסטן זיינען אריין די סעמיטיזמען אין יידיש, געוועלטיקט ביזן היינטיקן טאָג אין אונדזער ווינסשאפֿט, זי איז אָנגענומען ביי אונדזערע בעסטע פֿילאָלאָגן.

## 3. חשיבות פאר דער געשיכטע פון יידיש

דער מחלוקת איבערן מקור פונעם סעמיטישן חלק איז א העכסט אינטערעסאנטער סיי פאר זיך סיי פאר דער אלגעמיינער היסטאָרישער לינגוויסטיק. דערצו איז דער ענין ביז גאָר שייך צו דער פראגע איבערן ע ל ט ע ר פון דער יידישער שפראך, א פראגע וואָס איז א צענטראלע אין דער געשיכטע פון יידיש. פארשטייט זיך אז דער מהות און די זעלבשטענדיקייט פון יידיש זיינען ניט אָפהענגיק בלויז אינעם סעמיטישן חלק. פון איין זייט אָבער איז די עקסיסטענץ פונעם סעמיטישן חלק אין וועלכער ניט איז תקופה א סימן מובהק אז יידיש האָט אין יענער צייט שוין עקסיסטירט. פון דער אנדערער זייט איז שווער זיך פאָרצושטעלן א יידיש אָ ן א סעמיטישן חלק. מיט אנדערע ווערטער, די טעקסטן-טעאָריע האלט במילא פון א לפי ערך ייִנגערן עלטער פון יידיש בעת די ירושה-טעאָריע האלט במילא פון א לפי ערך העכערן עלטער פון יידיש.

די פלוגתא איבערן עלטער פון יידיש איז ניט קיין נייע. אָנגעהויבן האָט זי זיך, אויב מיר זיינען זיך ניט טועה, מיט אווע-לאלעמאנס ענטפער צונצן. צונץ (438 :1832) האָט כידוע געטענהט אז אשכנזישע יידן האָבן אמאָליקע צייטן גערעדט דייטש. אווע-לאלעמאן (-1858 1862: III, 204-207) ענטפערט אים אָפּ אז אָט די מסקנא איז אין תוך אריין א סתירה לגבי צונצעס אייגענע אבסערוואציעס מכוח דעם צוזאמענהאנג פון די פארשיידענע

עלעמענטן פון יידיש. פון אָט דעם טיפן צוזאמענוואוקס, האלט אוועלאלעמאן, איז צו דרינגען די קדמונישקייט פון יידיש. צונץ האָט געבראכט דוגמאות פון דייטשישע גלאָסעס געשריבענע אינעם יידישן אלף-בית ביי פריאיקע אשכנזישע רבנים ווי א ראיה אז זיי האָבן גערעדט דייטש. ענטפערט אים אָפּ אווע-לאלעמאן אז דער פאקט וואָס ס'האָבן זיך אויפגעהיט דייטשישע גלאָסעס געשריבענע אינעם יידישן אלף-בית איז א ראיה אז אָט די רבנים האָבן געשריבן דייטשישע ווערטער אינעם יידישן אלף-בית. צו דער עצם עקסיסטענץ פון יידיש ווי א שמועסשפראך אין יענער צייט האָט דאָס נים קיין שייכות. אווע-לאלעמאן איז ממשיך מיט עווידענץ פון יידישע לייווערטער, דער עיקר סעמיטיזמען, אין דער אלטדייטשישער גנבים-שפּראך ווי אויך גערמאנישע ארכאאיזמען וועלכע זיינען אויפגעהיט אין יידיש אָבער אָנגעוואוירן אינעם מאָדערנעם דייטש. די ראיה וואָס איז אָבער צום מערסטן מכריע פאר אווע-לאלעמאנען אז יידיש הייבט זיך אָן מיט דער באזעצונג פון יידן אויף דער גערמאנישער שפּראך-טעריטאָריע איז די שפּראכיקע סטקורטור פון יידיש, בפרט דער יידישער וואָקאליזם. די ספּעציפישע דוגמאות וואָס אווע-לאלעמאן ברענגט צו די אלע ראיות זיינע זיינען במעט אָן אויסנאם נים איבערצייגעוודיק און אין גאנצן פארעלטערט. די פּאלעאָנטאָלאָגישע מעטאָדן וואָס ער צילט אָפּ זיינען אָבער אלע לעגיטים ביזן היינטיקן טאָג. זיי זיינען אויך א סימן פון א באמת גרויסן פאָרשער מיט בלייביקע פארדינסטן פאר דער יידישער פילאָלאָגיע.

אן אָפקלאנג פון דעם וויכוח צווישן צונצן און אווע-לאלעמאנען געפינט מען אין נחום שטיפס (1913: 317-321) רעצענזיע איבער פינעסן (1911: 3-10) און ווידער ביי שטיפן (1922: 184, 189, 191, 192) אין זיין קריטיק איבער גידעמאנען. אונטער קענטיקער פּאָליטישער השפּעה האָט שטיף (1929: 13-16) שפּעטער צו גאָר אָנגענומען גידעמאנס שטעלונג אין הסכּם מיט צונצן, ניט לגבי יידיש בכלל נייערט וואָס איז נוגע א לפי ערך שפּעטן אריינקום פונעם סעמיטישן חלק. דער פּאָליטישער מאָטיוו האָט דערפירט צו דער משונהדיקער שטעלונג אז יידיש איז דווקא אלט בעת דער סעמיטישער חלק איז דווקא יונג. דער שפּעטערדיקער שטיף האָט געהאט דעם זעלביקן מעטאָדאָלאָגישן טעות ביי וועלכן דער פריערדיקער שטיף האָט געכאפּט גידעמאנען, דאָס אָננעמען אומקריטיש די אלט־יידישע שרייבשפּראך פאר דער ר י י ד ש פּ ר א ך פון יענער צייט. געענטפערט שטיפן האָט מאקס ווייַנרייך (1931: 198-200).

יצחק שיפּער (1924) האָט געפּרואווט דערווייזן א הויכן עלטער פון יידיש דורך דער לינגוויסטישער אינטערפּרעטאציע פון אָנאָמאסטישע קוואלן. שפּעטער האָט שיפּער (1933) געפירט א דעבאטע מיט די פּאָזיציעס פון גידעמאנען, בערלינערן און פאלקן אין איינעם. די לינגוויסטישע ראיות זיינע האָבן ווייניק האפּט, ווי מען זעט אגב קלאָר

פֿון נח פּרילוצקיס הערות אונטערן טעקסט. ד ע ר פּ א ר אָבער ברענגט שפּער אַרײַן אַ געוואַלדיקן װיכטיקן מעטאָד אין דער פֿאָרשונג פֿונעם עלטסטן ייִדיש, די סאָציאָלאָגישע אַרײַנקלערונג. אָט דער מעטאָד קען קײן מאָל ניט דערװײַזן אומספּקדיק די לינגװיסטישע פֿאַרהעלטענישן פֿונעם װײַטן אַמאָל. די סאָציאָלאָגישע אַרײַנקלערונג איז אָבער יאָ בכוח צו פֿאַרשאַרפֿן דעם קריטישן חוש פֿונעם פֿאָרשער בײַם אַנאַליזירן פֿאַרשײדענע שרײַב־נוסחאָות. שפּער (1933: 83) לײגט פֿאָר אַז יחידים אינטעליגענטן האָבן אפֿשר גערעדט דײַטש אין דער אַלטייִדישער תּקופֿה, זיכער ניט די גאַנצע אינטעליגענץ און דאָס פּשוטע פֿאָלק אַװדאי ניט.

אין אַ רײַן לינגװיסטישער ראַם װאָס בײדע צדדים זײַנען פֿרײַ פֿון סאָציאַלן צי פּאָליטישן פֿאָראורטײל האָט זיך דער מחלוקת באַנײַט צװישן נתן זוסקינדן און מאַקס װײַנרײַכן. זוסקינד (1953), אַטאַקירנדיק װײַנרײַכס (1940א: 30) פּעריאָדיזירונג פֿון דער געשיכטע פֿון ייִדיש שטעלט זיך אײַן פֿאַר אַ לפֿי ערך יונגן עלטער פֿון ייִדיש. אין זײַן ענטפֿער זוסקינדן, שטעלט װײַנרײַך (1954-1955: 13) אַװעק אַ טעאָריע װאָס דערמאָנט אין אַװעק־לאַלעמאַנס ענטפֿער צונצן מיט הונדערט יאָר פֿריִער: „די מעשׂה בראשית פֿון דער שמועלצשפּראַך איז אײנס מיט דער מעשׂה בראשית פֿון דעם אשכּנזישן קיבוץ אין לותיר“. פֿון דאָס נײַ איז די טעמע געקומען צו רײד אין דער דיסקוסיע צװישן מאַרשאַנען (1959) און װײַנרײַכן (1960א) איבערן לשון פֿונעם

קיימברידזשער קאָדעקס. אַט די דיסקוסיע װעלן מיר באהאנדלען ביים באטראכטן די אלטיידישע ליטערארישע שפּראך (§ 4). ס'איז א ביסל פּאראדאָקסאל װאָס מאקס װיינרייך, דער שטארקסטער אָנהענגער פון א הויכן עלטער פון יידיש איז אין דער זעלביקער צייט איינער פון די שטארקסטע אָנהענגער פון דער טעקסטן-טעאָריע. קיין סתירה איז עס אָבער ניט מחמת די טעקסטן-טעאָריע איז נאָר מרמז אויף א יונגן עלטער פון יידיש. די ירושה-טעאָריע איז אָבער מחייב א הויכן עלטער פון דער שפּראך. אויב דער סעמיטישער חלק איז א לינגוויסטיש איבערגעגעבענער פון דער מזרח תקופה איז יידיש אָן א ספק געבוירן געװאָרן אין איינעם מיטן יידישן ישוב אין אשכנז ביי דער קאָנפראָנטירונג און צונויפװאקסונג מיטן גערמאנישן חלק. אין א געװיסן זין דעריבער, איז די ירושה-טעאָריע מער װיינרייך איידער װיינרייך אליין.

## 4. עװידענץ פון כתבים

על פּי שכל דארף מען די חקירה איבער דער התחלה פונעם סעמיטישן חלק אָנהייבן מיט דער אויספאָרשונג פונעם לשון װאָס געפינט זיך אין כתבים פון אמאָל װעלכע האָבן זיך דערהיט. אזוי ארום קען איינע פון די טעאָריעס, די

טעקסטן-טעאָריע אָדער די ירושה-טעאָריע באשטעטיקט ווערן. די מעשה איז אָבער וואָס די נײַע יידישע פילאָלאָגיע האָט דערוויזן אז די אלטיידישע ליטעראַרישע שרייבשפּראַך איז אַן עקסטרעם סטיליזירטע. זי איז בפירוש א געקינצלטע שפּראַך וואָס מאכט נאָך די דעמאָלטיקע ליטעראַרישע דײַטשישע שרייבשפּראַך, זי הייבט ניט אָן אָפּצושפּיגלען דעם לעבעדיקן יידיש פונעם ווײַטערן עבר. בער באָראָכאָוו (1913ד: 354) איז געווען דער ערשטער דאָס צו פאָרמולירן. זלמן רייזען (1920: 26) קומט צו דער זעלביקער מסקנא, דהיינו אז דאָס איז א „פארגליווערטע יידישע ביכערשפּראַך, וואָס האָט געמוזט שטארק אָפּווײַכן פון דעם לעבעדיקן גערעדטן יידיש“.

אריבערגייענדיק פון אָט דעם ברייטן אויספיר אויף מער ספּעציפישע שטריכן פון אָט דער סטיליזאציע איז פאר דער נײַער יידישער פילאָלאָגיע קלאָר געוואָרן אז סעמיטיזמען זײַנען סיסטעמאטיש אויסגעשלאָסן געוואָרן פונעם געשריבענעם לשון. „מען האָט זיך געהיט מיט אלע כוחות“ שרייבט מאקס ווײַנרײַך (1940א: 41), „פון העברעאיזמען אינעם ווערטער-אוצר“. גאָר לעצטנס האָט דער דאָזיקער ענין פון דאָס ני־ אָנגענומען א געוויסן אויבנאָן אין שייכות מיטן אלף-בית אקראָסטיך פונעם <u>יוסף הצדיק</u> ליד אינעם קיימברידזשער קאָדעקס פון 1382. ווי באקאנט האָט מען אינעם געשריבענעם יידיש פון יענער צייט ניט גענוצט די אותיות כף, סמך און

תּוו אין גערמאַנישן חלק. אין אַן אלף-בית אקראָסטיך וואָלט מען זיך געריבט אַז סעמיטיזמען זאָל מען פּאָרט אַרײַנפירן בכדי אַדורכצופירן דעם אלף-בית בשלמות. ס'איז אָבער אַ נעכטיקער טאָג. חנא שמערוק (1977: 75-76) ווײַזט אויף אַז מען האָט עובר געווען אויף די אָרטאָגראַפישע רגילותן וועלכע ווערן אויסער דעם אקראָסטיך שטרענג אָפּגעהיט אינעם גאַנצן קאָדעקס. דרײַ גערמאַניזמען וואָס שרײַבן זיך מיט קוף, שין און טית באַווײַזן זיך פֿאַרגרײַזט מיט כּף, סמך און תּוו אַדורכצופירן דעם אלף-בית, אַבי ניט אַרײַנלאָזן איבער דער שוועל אַ סעמיטיזם. אינעם נוסח פֿונעם יידישן <u>אלמעכטיגר גוט</u> (אַלמעכטיקער גאָט) וואָס געפֿינט זיך אין דער פּראָגער הגדה פֿון 1526 האָט זיך שוין אַרײַנגעכאַפּט אַ סעמיטיזם פֿאַרן אות חית, וועלכן מען האָט דעמאָלט אויך ניט באַנוצט אין גערמאַנישן חלק. דערפֿאַר אָבער ווערט דער סמך אין גאַנצן דורכגעלאָזט (זען שמערוק 1975: 178-179, 209-212).

מען דאַרף זיך קלאָר מאַכן אַז אין דער אַלטיידישער ליטעראַטור איז די כּוונה ניט געווען דווקא צו פֿאַרשטאַרקן דעם גערמאַנישן חלק אין יידיש אויפֿן חשבון פֿונעם סעמיטישן. בדרך כּלל זײַנען די ווערק פֿון דער אַלטיידישער ליטעראַטור ביז גאָר ווײַט אַפֿילו פֿונעם גערמאַנישן חלק פֿונעם קאָטעמפּאָראַלן יידיש. די ריכטונג פֿון דער סטיליזאַציע זײַערער לאָזט זיך סומירן מיט איין וואָרט: ד ײ ט ש - מ ע ר י ש. דער הויכער עלטער פֿון אָט דעם לינגוויסטישן

און סאָציאָלאָגישן פענאָמען וואָס רופט זיך דייטשמעריש קען מען זען דערפון וואָס די פריאיקע קריסטלעכע יידיש-פאָרשונג האָט זיך שוין אָפגעשטעלט דערויף. בוקסטאָרף (652 :1609) באמערקט אז די יידן מיט א ביסל מער דערציאונג באמיען זיך צוצופאסן זיך צו דער דייטשישער שפראך. וואגענזייל (87 :1699) דערמאָנט אז דער יידישער פרעפיקס דער- ווערט אין „נייערע ביכער" פארביטן דורך ער-.

סעמיטיזמען אין טעכנישן לינגוויסטישן זין

ווי מיר דעפינירן זיי, איינסן פונעם סעמיטישן חלק אין יידיש, זיינען עלול מען זאָל זיי פלאָנטערן מיט סתם העברעאישע ווערטער אריינגעמישט אין יידיש. אין אליה בחורס (1545) תהילים-איבערזעצונג זיינען פאראן א ריי העברעאישע ווערטער ווי למשל גהינם, יצר הרע, מלאך, תורה, תפילה וכדומה. ניט געקוקט אויף דעם וואָס די היסטאָריש אידענטישע ווערטער קענען אויך געהערן דעם סעמיטישן חלק אין יידיש, מוז מען זיי אין אליה בחורס תהילים-איבערזעצונג באנעמען סינכראָניש ווי אריינגעמישטע העברעאישע ווערטער צוליב די סעמאנטישע און סטרוקטורעלע באגרענעצונגען וואָס זיינען אויף זיי חל. דאָס זיינען אלע ווערטער אויף רעליגיעזע באגריפן וואָס ביי די גערמאנישע עקוויוואלענטן זייערע וואָלט זיך דער מחבר אָנגעשטויסן אין טעאָלאָגישע פראָבלעמען. אָט די סעמאנטישע באגרענעצונג באווייזט זיך בבת אחת מיט א לפי ערך שטרענגער

סטרוקטורעלער באַגרענעצונג: די העברעאישע ווערטער
זיינען כמעט דורכויס ס ו ב ס ט א נ ט י וו ן. צי
זאָל מען פון אָט דער העכסט סטיליזירטער שרייבשפּראַך
אָפּלערנען די סטרוקטור פונעם דעמאָלטיקן יידיש? לא
מיט אַן אלף. גענוג צו דערמאָנען אז אינעם וואָרט פריער
און אינעם סוף-וואָרט וואָס געהערן דעם ארויסגעבער
קאָרנעליוס אדלקינדן זיינען די ביידע באַגרענעצונגען נ י ט
בנמצא. פאַראַן ביי אדלקינדן אַזעלכע טאָגטעגלעכע ווערטער
ווי בחורות, בעלי בתים, שמועות; דער אדווערב בשותפות,
דער ווערב גיחתמת (געחתמעט). אָט זעען מיר פאַר די
אויגן צוויי לחלוטין פאַרשיידענע שרייב-נוסחאות אין איין
און דעם זעלביקן יאָר, אין איין און דעם זעלביקן בוך.
אליה בחורס תהילים-איבערזעצונג וואָס שטייט אויף א
הויכן ליטעראַרישן ניוואָ איז א סטיליזאַציע. די געציילטע
אומליטעראַרישע שורות פון אדלקינדן זיינען אָבער יידיש.
איינער פון די סימנים דערפון איז די נאָרמאַלע
רעפּרעזענטירונג פונעם סעמיטישן חלק כאָטש אדלקינדס
ידיעות אין דער סעמיטיסטיק האָבן אָן א ספק נ י ט
דערגרייכט ביז ר' אליהס פּאָדעשחעס. דעם יידישן ליטעראַטור-
היסטאָריקער איז די איבערזעצונג גופא פון אָן א שיעור
א גרעסערער חשיבות איידער די רייד פון אדלקינדן. דעם
יידישן לינגוויסט איז אָבער פאַרקערט.

אין דער דעבאטע איבערן לשון פונעם קיימברידזשער קאָדעקס, טענהט מארשאַן (1959: 385-391) בהורת ענטפער פוקסן (1957: XXIX-XXVI) אז ס'איז דייטש. מאקס ווײַנרײַך (1960א) האלט אָבער אין איינעם מיט פוקסן, טענהנדיק בהורת ענטפער מארשאנען אז דאָס לשון פונעם קאָדעקס איז יידיש. אזוי האלט אויך שלמה בירנבוים (1961: 19-21).
ווער ס'קען די מיינונגען פון מארשאנען (1965: 251) און פון ווײַנרײַכן (1940א: 30) איבערן עלטער פון יידיש, קען דאָ ארײַנפאלן אין א שטיקל טעות. אז מען האלט אין איינעם מיט ווײַנרײַכן אז דאָס לשון פונעם קאָדעקס איז יידיש, האלט מען במילא מיט ווײַנרײַכן אז יידיש איז דעמאָלט געווען. פארקערט קען מען אָבער ניט דרינגען. האלט מען אין איינעם מיט מארשאנען אז דאָס לשון פונעם קאָדעקס איז דייטש, איז דערפון גערדונגען — אז דאָס לשון פונעם קאָדעקס איז דייטש. אונדז איז קלאָר אז יידיש איז דאָס זיבער ניט באָטש סיי יידיש סיי דער סעמיטישער חלק זײַנער זײַנען דעמאָלט געווען ב"ה בנמצא.
די פראגע צי איז דאָס לשון פונעם קיימברידזשער קאָדעקס, פון אליה בחורס תהילים-איבערזעצונג, פון כמעט אַ ל ע ווערק פון דער אלט־יידישער ליטעראטור א פאר־יידישטער דייטש צי א פארדײַטשטער יידיש, אָט די פראגע איז געווענדט א סך מער אין דער פערזענלעכער ריכטונג פונעם פאָרשער איידער אין דער זאך גופא.

די דערקענונג אז די אַלטיידישע ליטעראַרישע שרײַבשפּראַך איז אַן עקסטרעם סטיליזירטע איז אַן אויפטו פאַר זיך. די יידישע פילאָלאָגיע מוז זיך אָבער שטעלן די פראַגע, וואָס זי קען דאָ אָפּלערנען אין שייכות מיט די לינגוויסטישע פאָרשונגען אונדזערע איבערן עלטערן יידיש. ליטעראַרישע און לינגוויסטישע פאָרשונגען קלייבן זיך אָפט אויס פאַרשיידענע מעטאָדאָלאָגישע דרכים, ניט חלילה קיין סתירותדיקע נייערט אַנדערשדיקע און אַ סך מאָל אויך דערגאַנצעוודיקע. ס'קען זיך מאַכן, און דאָס טאָר מען ניט באַנעמען ווי אַ מלחמה קעגן דער ליטעראַטור-פאָרשונג מצד דער לינגוויסטיק, אַז אַ צענטראַלער אָביעקט פון דער ליטעראַטור-פאָרשונג זאָל פאַר דער שפּראַך-פאָרשונג האָבן בלויז אַ נעגאַטיוון ווערט. די אָרטאָגראַפישע קונצן אינעם אלף-בית אַקראָסטיך פונעם יוסף הצדיק ליד, דער דורכגעלאָזטער סמך אינעם אַלמעכטיגער גוט פון דער פּראָגער הגדה, די באַגרענעצונג אויף סובסטאַנטיוון פון אַ רעליגיעזן כאַראַקטער ביי אליה בחורן אין דער תהילים-איבערזעצונג און אַ היפּשע צאָל געגליכענע רמזים אין דער גאַנצער אַלטיידישער ליטעראַטור לערנען דעם יידישן פילאָלאָג אַז די אויספאָרשונג פונעם יידיש פון אַמאָל טאָר מען בשום אופן ניט בויען אויף דער ליטעראַרישער שרײַבשפּראַך. די אַבסטראַקטע קוואַליטעט פון אַ לינגוויסטישן אַנאַליז איז געווענדט איז די כשרונות פונעם לינגוויסט און אין דער מעטאָדאָלאָגיע מיט וועלכער ער באַנוצט זיך. די קאָנקרעטע פאַרלאָזלעכקייט פונעם אַנאַליז איז אָבער

אָפּהענגיק אינעם סכום מאַטעריאַל וואָס דער לינגוויסט באַנוצט ווי רוי־וואַרג. אַט דער סכום מאַטעריאַל הייסט ביים לינגוויסט דער ק אָ ר פּ ו ס. אז דער קאָרפּוס איז אַן אַקוראַטער וועט דער אַנאַליז כּמעט אַרויסברענגען ריכטיקע פאַקטן אַפילו אויב דער לינגוויסט און דער מעטאָד זיינער זיינען ניט פון די בעסטע. איז אָבער דער קאָרפּוס א פאַלשער וועט דער גענייטסטער לינגוויסט אַריינפאַלן אין בלאָנדזשעניש און פאַלשע פאָרשטעלונגען.

די העכסטע מדרגה פון געטריישאַפט דער לעבעדיקער שפּראַך ד״ה פון לינגוויסטישער פאַרלאָזלעכקייט האָט דאָס הייפעלע ניט־ליטעראַרישע טעקסטן וועלכע האָבן זיך דערהיט. דער עיקר זיינען דאָס גבית־עדותן ביי דין־תורהס וואָס זיינען אַריינגענומען אין זאַמלונגען שאלות ותשובות (זען רובאַשאָוו 1929) און דאָס סאַמע וויכטיקסטע —— די עפּיסטאָלאַרישע מאָנומענטן וואו די סטיליזאַציע איז אָפט א מינימאַלע. טאָ לאָמיר א גיכן קוק טאָן אויף דוגמאות אַרויסגענומענע פון יידישע בריוו פון פאַר 1600. אליעזר בן משה שרייבט פון טימבערג צו זיין זון אין פּראָג אין 1588, פאַרזיכערנדיק דעם זון אז ער וועט דעם טאַטן ניט דאַרפן אויסהאַלטן: „אי״ה אדרבה ראַטין [ראָטן] העלפין אונ׳ ווערין קינן אפי׳ [וועל קענען אפילו] מיין רחל אויך מיט דער צייט היין נעמן״ (ביי ווינריבן 1937: 58). די ירושלימער אלמנה רחל בת ר׳ אברהם פון פּראָג שרייבט

איר זון אין מצרים אין 1566 אין א בריוו וואָס האָט זיך דערהיט אין דער גניזה: „מײַן ליבר זון זײַא דיך ניט מצער" (בײַ אספן 1942: 66). וויאָלע פון סאָפיע (אין בולגאַריע) שרײַבט איר שוועסטער און שוואָגער אין 1532: „...גינומן בון דען חוב אײַן חיליק [א חלק]" (בײַ גינסבערגן 1938: 344). אין א בריוו געשריבן אין 1478 אין רעגנסבורג צו א יידישער פרוי אין תפיסה שרײַבט זיך: „אוב דו ניט כתבן קנשט און [דו קענסט ניט שרײַבן צוליב] די עינוים" (בײַ בירנבוימען 1939: 106). דער פראַנקפורטער ייִד נפתלי בן משה שרײַבט זײַן שוואָגער אין 1454: „...דו וועלשט [וועסט] אונז כ"ד [כל דבר] באריכות מודיע זײַן" (בײַ אײַנבערגן 1937: 27). אָט אזא מין לשון, און אמתדיקן יידיש וועגן וועלכן ס'קען קײַן פלוגתא ניט זײַן צי איז דאָס א פאַרייִדישטער דײַטש צי א פאַרדײַטשטער יידיש וועט מען בדרך כלל אומזיסט זוכן אין דער אלט־יידישער ליטעראַטור, בפרט אין דער פּאָעטישער. און א ײ נ ע ר פון די בולטע סימנים וואָס כאַראַקטעריזירן די סאַמע עלטסטע לינגוויסטיש פאַרלאָזלעכע מאָנומענטן וואָס האָבן זיך דערהיט איז דער קיום פונעם סעמיטישן חלק.

## 5. א פארגרעסערנדיקער צי א פארקלענערנדיקער סעמיטישער חלק?

ביים באטראכטן די צוויי קאָנקורירעוודיקע טעאָריעס, די טעקסטן-טעאָריע און די ירושה-טעאָריע, קען צו ניץ קומען דער פארגלייך צווישן דעם סעמיטישן חלק אין איין תקופה מיטן סעמיטישן חלק פון אן אנדערער. אזוי ארום קען זיך ארויסווייזן די פארשיידענע שטארקייטן פונעם סעמיטישן חלק אין פארשיידענע צייטן, הן אין כמות הן אין מאָרפאָלאָגישן און סעמאנטישן פארשפרייט. פאר דער טעקסטן-טעאָריע איז קלאָר אז דער סעמיטישער חלק האָט זיך אָנגעהויבן פון גאָרניט אָדער כמעט גאָרניט. ער האָט זיך פ א ר ג ר ע ס ע ר ט אדאנק דעם כסדרדיקן באנוץ פון די ספרים אין אשכנז. פאר דער ירושה-טעאָריע איז פארקערט: דער סעמיטישער חלק האָט זיך פ א ר ק ל ע נ ע ר ט במשך פון די דורות ווי א פועל יוצא פון דער אָפּגעזונדערטקייט פונעם לעבעדיקן סעמיטישן שפּראך-מקור. אזוי ארום זיינען סעמיטיזמען אָפטמאָל פארשוואונדן געוואָרן לטובת גערמאניזמען צי סלאוויזמען אריינגעקומענע דורכן קאָנטאקט מיט די קאָטעריטאָריאלע לשונות. בפרט אין מזרח יידיש האָט זיך שטארק פארקלענערט דער סעמיטישער חלק צוליב דער נייער קאָנקורענץ מיטן צוגעקומענעם סלאווישן חלק. די ירושה-טעאָריע לייקנט ניט אָפּ די גוואלדיקע חשיבות פון די

ספרים—די טעקסטן האָבן ארײַנגעפירט א געװיסן סכום אײנסן, אמת א גאָר קלײנעם טײל פונעם סעמיטישן חלק. אחוץ דעם האָבן די טעקסטן פארשטארקט דעם מעמד פונעם סעמיטישן חלק. אָט דער פארשטארקנדיקער כוח פון די טעקסטן האָט זיך אָבער ניט געקענט פארמעסטן מיט די קאָנטאקט-השפּעות פון די קאָטעריטאָריאלע גערעדטע לשונות.

מיר לײדן פון א געװיסן סנאָביזם דערמיט װאָס ס'איז אונדז שװער מודה זײַן אז דער סעמיטישער חלק איז אמאָל געװען שטארקער פארטראָטן אין יידיש אײדער בײַ אונדז הײַנט צו טאָג. אזעלכע אײנסן װי אכלען, הולכן, רגלים שתקענען האָבן א מארגינאלן מעמד אין הײַנטיקן יידיש, זײ ברענגען ארױס נואנסן פון הומאָר צי פון גראָבקײט. קײן טאָגטעגלעכע באגריפן זײַנען דאָס זיכער ניט. נעמען מיר אָט דעם פאקט, די הײַנטצײטיקע מארגינאלקײט פון אזעלכע אײנסן, שפּרײטן מיר איס אויס אין עבר ארײַן. פאראן אָבער א היפּשע צאָל אויפװײַזן פון אָט דעם מין אײנס אין עלטערן מערבדיקן יידיש און דװקא בתורת טאָגטעגלעכע װערטער אויף טאָגטעגלעכע באגריפן.

דער סעמיטישער חלק אינעם אמאָליקן מערב יידיש איז לפי ערך אומבאגרענעצט באשריבן געװאָרן ערשט אין אכצעטן יאָרהונדערט דורך די ק אָ מ פּ י ל א ט אָ ר ן. אקאדעמיש שטײען די קאָמפּילאטאָרן אויף א סך א נידעריקן ניװאָ אײדער זײערע פאָרױסגײער, די קריסטלעכע יידיש-פאָרשער פונעם זעכצעטן און זיבעצעטן יאָרהונדערט. די

ידיעות פון די קאָמפּילאַטאָרן אין לעקסיקאָגראַפֿישער וויסנשאַפֿטלעכקייט בכלל און אין לשון קודש און אראַמיש בפֿרט זײַנען אָפּטמאָל מינימאַלע. אין אַ סך פֿאַלן זײַנען זיי שמוציקע יודאָפֿאָבן און אַנטיסעמיטן, דער עיקר משומדים. „אַ מאַן פֿון וויסנשאַפֿט", ווײַזט ריכטיק אָן באָראָכאָוו (1913א: 12), „מוז גובר זײַן דעם עקל און דאָך דורכבלעטערן די אָנגעווייזענע שונד-ליטעראַטור". הן צוליב די פּראַקטישע צילן וואָס די קאָמפּילאַטאָרן האָבן זיך געשטעלט, הן צוליב זייער עם הארצות, זײַנען זייערע לעקסיקאָגראַפֿישע קאָמפּילאַציעס גראָד די סאַמע באַגלייבסטע קוואַלן וואָס מיר האָבן פֿונעם אַמאָליקן סעמיטישן חלק אין מערב ייִדיש. דער אײנציקער ייִדישער פֿילאָלאָג וועלכער האָט אַרויסגעזאָגט די לינגוויסטישע מסקנא וואָס בעט זיך ביים אַנאַליזירן אָט דעם מאַטעריאַל איז שלמה נאָבל (1961-1962: 18) וועלכער האַלט אַז אינעם מערב ייִדיש פֿונעם אַכצעטן יאָרהונדערט איז די צאָל סעמיטיזמען געווען „אַ סך גרעסער איידער היינט". נאָבל (1964) פֿאַרשטאַרקט זײַן שטעלונג דורך זײַן אַנאַליז פֿונעם סעמיטישן חלק אינעם ייִדיש פֿון אַ יאָרהונדערט פֿריער וואָס אַנטפּלעקט זיך אין די פּראָגער בריוו פֿון 1619 וואָס לאַנדוי און וואַכשטיין (1911) האָבן אַרויסגעגעבן.

ביים באַטראַכטן כתבים אין וועלכע דער סעמיטישער חלק איז שטאַרק פֿאַרטראָטן מוז מען זיך היטן

פאר סטיליזאציע ניט װײניקער אײדער בײ די ליטעראַרישע מאָנומענטן. די עקסטרעמסטע סטיליזאַציע פֿון דעם מין איז דער אַזױ אָנגערופֿענער סופֿרים נוסח װאָס אוריאל װײנרײך (1958) האָט אױסגעפֿאָרשט װאו ייִדיש און העברעאיש װערן צונױפֿגעמישט. די סטרוקטורעלע שטריכן פֿונעם העברעאיש און אַראַמיש אין אָט אַזעלכע טעקסטן זײנען עובר אױף די אינעװײניקסטע געזעצן לױט װעלכע די חלקים פֿון ייִדיש פֿאַראײניקן זיך. בײ די קאָמפּילאַטאָרן געפֿינט מען אָבער בדרך כלל גראָד סעמיטיזמען װאָס װאָלטן זיך אין הײנטיקן ייִדיש סטרוקטורעל צוגעפּאַסט אין גאַנצן. די מאָרפֿאָלאָגישע פּראָדוקטיװקײט פֿונעם סעמיטישן חלק װאָס מען געפֿינט בײ די קאָמפּילאַטאָרן איז אַ סימן אַז די שײכותדיקע אײנסן האָט מען גענוצט. ס'איז ניט צו באַװאונדערן װאָס די קאָמפּילאַטאָרן זײנען געװען געטרײ דער לעבעדיקער שמועסשפּראַך — זײערע צילן זײנען געװען רײן פּראַקטישע.

װען מיר טרעפֿן ילד און ילדים קען נאָך זײן אַ ספק צי זײ זײנען טאַקע געװען טאָגטעגלעכע װערטער. װען מיר געפֿינען אָבער בײ פֿילאָגלאָטוסן (1733: 33) די פֿאָרמירונג אױף צוריק ילדימער 'קינד' װערט אױס ספק װײל בלױז אַ לעבעדיק װאָרט איז זוכה צו מאָרפֿאָלאָגישער פּראָדוקטיװקײט — דאָס איז אַ װײטער מהלך פֿונעם באַנוץ פֿונעם באַשטימטן אַרטיקל ה- צי פֿון דער קאָניונקציע ו-

אינעם סופרים נוסח. אז דאָס וואָרט ספינה 'שיף' איז געווען אין דער ריידשפּראַך קען מען דרינגען פון דעם דערייוואט ספינהר 'שיפמאן, מאטראָס' וואָס מען געפינט ביי קאלענבערגן (1736: 103). ניט נאָר פּתח 'טיר' נייערט אויך פּתחנער 'שלאָסער' ווערט פארצייכנט ביי ביבליאָפילוסן (1742: 49). נחשב איזאָלירט וואָלט אפשר געווען חשוד. דער קאָנטעקסט ביי רייצענשטיינען (1764: [210]) לאָזט אָבער ניט איבער קיין ספק: ער איז גדול נחשב ביי דער שררה וואו גדול נחשב הייסט 'הויך אָפּגעשאצט'. גדול בתורת אדיעקטיוו צי אדווערב איז אונדז היינט פרעמד וואָלט זיך גדול נחשב פאָרט געקענט ארויסווייזן פאר א סטיליזאציע. מען געפינט אָבער אויך ביי רייצענשטיינען (1764: [222]) איר זייט א גדולער טיפש, ביי פרידריכן (1784: 149) א גדולער בעל אכילה. דאָס וואָרט טוב מיטן געוויינטלעכן טייטש 'גוט' איז אונדז היינט פרעמד אין מזרח יידיש. אין אכצעטן יאָרהונדערט איז עס אָבער געווען א ביגיקער אדיעקטיוו. ביי זעליגן (1767: 78) איז פאראן די קאָנסטרוקציע א טופן מקח ווי א דירעקטער אָביעקט. פרידריך (1784: 202), אגב זייער אן ערנסטער פאָרשער מיט גרויסע פארדינסטן פאר דער יידישער שפּראַך-פאָרשונג, ווייזט אָן ניט נאָר אויף הרבה

'א סך' נייערט אויך אויפֿן קאָמפּאַראַטיוו דערפֿון <u>הרבהנער</u> 'מער'. פֿאַראַן מאַסעס סעמיטיזמען וואָס זיינען געווען מאָרפֿאָלאָגיש פּראָדוקטיוו און וואָס זיינען אויפֿגעצייכנט געוואָרן א סך מאָל פֿון פֿאַרשיידענע קאָמפּילאַטאָרן אין די פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דער מערב יידישער שפּראַך-טעריטאָריע פֿונעם אכצעטן יאָרהונדערט. אָט אַזעלכע איינסן זיינען אָן א ספֿק געווען לעבעדיקע ווערטער אינעם טאָגטעגלעכן יידיש. א שטודיע פֿונעם לעקסיקאָן פֿונעם מערב יידיש וואָס איז פֿאַרצייכנט ביי די קאָמפּילאַטאָרן איז א גאָר וויכטיקע עובדא פֿאַר דער יידישער פֿילאָלאָגיע. אָט אזא שטודיע וועט וויזן אז אין משך פֿון די פֿאַרגאַנגענע צוויי-דריי הונדערט יאָר האָט יידיש אָ נ ג ע וו א ו י ר ן א ים מיט סעמיטיזמען.

6. סינכראָנישע סעמאַנטיק: סאָציאָלאָגיע צי גענעטיק?

ווען דער סעמיטישער חלק אין יידיש וואָלט כולל געווען נאָר אַזעלכע איינסן וואָס האָבן א דירעקטע שייכות מיטן יידישן גלויבן, באַגריפֿן וואָס וואָלטן אפֿשר ניט געקענט אויסגעדריקט ווערן מיטן ווערטער-אוצר פֿונעם גערמאַנישן חלק צוליב רעליגיעז-סאָציאָלאָגישע אָדער שפּראַך-פּסיכאָלאָגישע סיבות, וואָלט געווען אראָפּ פֿון מארק. ס'וואָלט געווען אַן איבערצייגעוודיקער דערווייז אז דער סעמיטישער חלק איז סעקונדער אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אויף אויסצופּילן בלויזן וואָס דער גערמאַנישער חלק איז ניט פּעאיק געווען אויספּילן.

אויף דער װאָר זײַנען אָבער פֿאַראַן מאַסעס סעמיטיזמען װעלכע לאָזן זיך ניט סעמאַנטיש קלאַסיפֿיצירן װי „באַגריפֿן פֿונעם ייִדישן גלויבן” סײַדן דורך פּילפּול, װי למשל אַװדאי, אַלמנה, אפֿשר, גבֿיר, גזלן, דאגה, דװקא, דלות, חלש(ן), טעות, כּלבֿטע, מסתּמא, עצה, פּנים, צרות, שוטה, שכנטע וכדומה. די סעמאַנטישע עשירות פֿונעם סעמיטישן חלק איז אַ נאַטירלעכע זאַך פֿאַר דער ירושה־טעאָריע. פֿאַר דער טעקסטן־טעאָריע איז זי אָבער אַ האַרבע קשיא. צונץ (1832: 439) האָט געפּרוּװט אײַנטײלן דעם סעמיטישן חלק אויף סעמאַנטישע קאַטעגאָריעס. אחוץ די קאַטעגאָריעס װאָס האָבן אַ שײַכות מיט ספּעציפֿישקײטן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק (ייִדישקײט, דאָס ייִדישע לעבן, דאָס ייִדישע לערנען, באַהאַלטן לשון ניט־ייִדן זאָלן ניט פֿאַרשטײן) האָט צונץ בלית־ברירה געמוזט צוגעבן די קאַטעגאָריע „פֿאַרשײדענע אויסדרוקן פֿון דער שפּראַך פֿונעם טאָגטעגלעכן לעבן”. אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן. איטלעכע װיסנשאַפֿטלעכע קלאַסיפֿיקאַציע װערט אויס קלאַסיפֿיקאַציע באַלד װי מ'איז געצװאונגען אַרײַנצואַװאַרפֿן אַ רובריק מיטן קעפּל „פֿאַרשײדנס” אויב די „פֿאַרשײדענע” זײַנען ניט װײניקער װיכטיק אײדער די כּלומרשט „קלאַסיפֿיצירטע”.

טביוב (1903: 139), װעמענס אײגענע סעמאַנטישע קלאַסיפֿיקאַציע איז אײנע פֿון די טיפֿסטע װאָס מיר פֿאַרמאָגן ביז הײַנט ניט געקוקט אויף דער ביטולדיקער באַציאונג

לגבי יידיש, האָט דערזען די באגרענעצונגען פון דער קלאסיפיקאציע. ער איז מודה אז „נאָך דעם אלעמען, מוז איך אָננווייזן אז סוף כל סוף זיינען דאָ ... ניט ווינציקע העברעאישע ווערטער, וואָס ס'איז שווער צו געבן צו פארשטיין צוליב וואָס זיי האָבן זוכה געווען צו בירגערדעכט אין דער גערעדטער שפּראך ... דעריבער איז רעכט דער פאָרשער זאָל זיך חידושן וואָס ער געפינט ... ווערטער וואָס אפילו די אויסגעצייכנטסטע חריפות קען ניט אויפדעקן זייער שייכות מיט „פרומקייט” אָדער רוחניות אָדער די אנדערע סיבות וואָס איך האָב אויסגערעכנט אויבן”. טביוב זאָגט אויך ארויס זיין באוואונדערונג אלמאי א סך ווערטער וואָס וואָלטן געמעגט לויט זייער שייכות מיט זיינע קאטעגאָריעס זיין אויף יידיש זיינען דווקא ניטאָ. ס'איז אים א מיסטעריע פארוואָס איז ניטאָ קיין אור כנגד חושך. מיזעס (1908: 183) פאָרמולירט עס אזוי: „נישט דווקא ווערטער פאר רעליגיעזע באגריפן אָדער מנהגים, ווי מען קלערט געוויינלעך”.

די אלע קלאסיפיקאציעס פון דער סעמאנטיק פונעם סעמיטישן חלק זיינען ס ו ב י ע ק ט י ו, זיי זיינען געווענדט אין דער ריכטונג פונעם פאָרשער וועלכער קלאסיפיצירט. לאָמיר נעמען פאר א משל די ווערטער דרום, מזרח, מערב, צפון. פאר דער מעקסטן-טעאָריע איז דאָס א ריכטיקע אָנשיקעניש. זאָגט טביוב (1903: 135)

אז זיי געהערן דעם סעמיטישן חלק ווייל זיי דערמאָנען אין דער איינטיילונג פון ארץ ישראל און דריקן אויס דאָס געפיל פון נאציאָנאליזם ביי אשכנזישע יידן. זאָגט מיזעס (1908: 184) אז די סיבה איז וואָס זיי זיינען אבסטראקציעס און אזוי ארום געהערן זיי דעם תחום פונעם סעמיטישן חלק (זען אויך מיזעס 1924: 217). רובשטיין (1922: 27) האלט אָבער אז מיר זעען דאָ די ראָל פונעם אינטערנאציאָנאלן מסחר. ווער ס'וועט נאָר וועלן וועט דאָ קענען ארייניטשן די השפעה פונעם בית מדרש מיט זיין מזרח וואנט און ווער ס'וועט וועלן וועט קענען געפינען א רעליגיעזן פגם ביי די מיטלהויכדייטשישע טערמינען וואָס וואָלטן געווען קאנדידאטן אויף ארייגענומען צו ווערן אין גערמאנישן חלק.

סאָציאָלאָגיע אויף איר אָרט און גענעטיק אויף איר אָרט. אז מען וויל אשטייגער אויספאָרשן די געזעלשאפטלעכע באציאונגען פון א מענטשן צו עטנישע מינאָריטעטן באנוצט מען זיך מיט די מיטלען פון דער סאָציאָלאָגיע. וויל מען זיך אָבער דערגרונטעווען פארוואָס א מענטש האָט טונקעלע אויגן פאלט דאָ אריין די סאָציאָלאָגיע ווי א יוון אין א סוכה ווייל די פראָבלעם געהערט דער גענעטיק. דער סעמיטישער חלק אין יידיש איז א שפראַך-גענעאלאָגיש געירשנטער פון די פריערדיקע לשונות פונעם זעלביקן קיבוץ וואָס רעדט יידיש. מחמת דעם זיינען אומזיסט די אלע זוכענישן נאָך סיבות וואָס זאָלן אויפקלערן די עקסיסטענץ פון דעם אָדער יענעם סעמיטיזם אין יידיש.

גענעטיק קען פֿארוואנדלט ווערן אין סאָציאָלאָגיע, טונקעלע אויגן זיינען מסוגל צו וו ע ר ן א סאָציאָלאָגיש וויכטיקער פֿאקטאָר אין א געוויסער געזעלשאפֿט. מיטן אָפּשטאם פֿון אָט די טונקעלע אויגן האָט די סאָציאָלאָגיע קיין שום שייכות ניט. די היסטאָרישע לינגוויסטיק, וואָס אָפּערירט מיט דער השגה פֿון גענעטישער קרובישאפֿט צווישן לשונות מוז פֿארנעמען דעם אויבנאָן אין דער אויספֿאָרשונג פֿונעם שפּראכהיסטאָרישן מ ק ו ר פֿונעם סעמיטישן חלק. די סאָציאָלאָגיע דערקעגן דארף שפּילן איר ראָלע ביי דער אויספֿאָרשונג פֿון די סאָציאלע פֿונקציעס וואָס דער סעמיטישער חלק האָט א נ ג ע נ ו מ ע ן.

## 7. דיאכראָנישע לעקסיק און סעמאנטיק

לויט דער טעקסטן-טעאָריע וואָלט מען זיך געמעגט ריכטן אז דער סעמיטישער חלק אין יידיש זאָל אָפּשפּיגלען מער אָדער ווייניקער אין א גלייכער מאָס די פֿארשיידענע טעקסטן וואָס מען האָט צום מערסטנס באנוצט אין אשכנז — תורה, תלמוד, תּפֿילה. די ירושה-טעאָריע פּאָסטולירט אָבער אז דער סעמיטישער חלק איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך לעבעדיקער שפּראכיקער טראנסמיסיע ניט-איבערגעריסנערהייט. נמצא אז יידיש דארף אָפּשפּיגלען די ס א מ ע ש פּ ע ט ס ט ע פּרעאשכנזישע פֿארמעס. לויט דער ירושה-טעאָריע וואָלט יידיש ניט געקענט האָבן א תנכישע פֿאָרמע אויב אָט די פֿאָרמע איז אויף אראמיש פֿארביטן געוואָרן

דורך א נייער. אראמיש הייסט דאָ ביי אונדז דער יידישער אראמיש, דאָס וואָס מאקס ווײַנרייך רופט „תרגומיש". מען מוז כסדר געדענקען אז אָט דער אראמיש האָט אין זיך א שטארקן העברעאישן חלק. אזוי ארום באקומט זיך על פי דער ירושה-טעאָריע אז פאָרמעס פונעם תנכישן העברעאיש קענען זיך געפינען אינעם סעמיטישן חלק פון יידיש בלויז ווי א ח ל ק ש ב ח ל ק.

א כוללדיקע פרט-פאָרשונג דארף מען ערשט אדורכפירן. די אלגעמיינע ליניעס זעען זיך אָבער שוין ארויס פון זינט דער פאָרמולירונג פון ש יי נ ע א נ ו ס פּ ר י נ צ י פּ. לאזער שיינעאנו (1889: 53) האָט אנטדעקט אז דאָרט וואו א שפּעטערדיקע פאָרמע האָט פארביטן א פריערדיקע נאָך אויף דער סעמיטישער שפראך-טעריטאָריע איז צו ריכטן זיך אז יידיש וועט האָבן די ש פּ ע ט ע ר ד י ק ע פאָרמע. שיינעאנו זאָגט דאָס ארויס מיט דער טראדיציאָנעלער טערמינאָלאָגיע, דהיינו אז ניט תנך לשון נייערט גמרא לשון איז אריין אין יידיש. דערפאר איז עס *יום טוב*, ניט *מועד*. אין תנך זיינען *דרום* און *מערב* שוואך פארטראָטן ווי שפּעטיקע פאָרמעס כנגד די אָפטע *נגב* און *ים* — אין יידיש איז עס ב ל ו י ז *דרום* און *מערב*. ניט נאָר די לעצטע לעקסישע גלגולים זיינען אין סעמיטישן חלק אריין נייערט אויך די לעצטע ס ע מ א נ ט י ש ע גלגולים. די תנכישע טייטשן פון *מנהג* 'פירונג פון א רייטוואָגן', *צדקה* 'גערעכטיקייט',

צלם 'געשטאלט', תשובה 'צוריקקער; ענטפער' זיינען אויף יידיש לחלוטין אומבאקאנט (זען אויך גרינבוים 1882: 536; שולמאן 1898: 42). די לעקסיק און סעמאנטיק פונעם סעמיטישן חלק אין יידיש זיינען ניט איינגעטיילט לויט די פארשיידענע מינים טעקסטן וואָס זיינען באנוצט געוואָרן א י ן אשכנז. זיי וואקסן פון דער לעצטער שפּראכיקער אנטוויקלונג פ א ר אשכנז.

## 8. די רעקאָנסטרוקציע

ביים אויספאָרשן די געשיכטע פון א שפּראך איז דער דוחק אין לינגוויסטיש פארלאָזלעכע מאָנומענטן פון די פריסטע תקופות ניט קיין סימן אז די פאָרשערישע פּראָבלעמען וואָס זיינען נוגע יענער צייט זיינען באשערט צו בלייבן א תיקו. דאָס אויפבויען די געשיכטע פון א לשון לויט די כתבים וואָס האָבן זיך דערהיט האָט פערדינאנד דע סאָסיר (1916: 297-300) אָנגערופן דעם פּראָספּעקטיוון מעטאָד. דע סאָסיר פאָרמולירט די באגרענעצונגען פונעם פּראָספּעקטיוון מעטאָד ווי א יסוד אין דער טעאָריע פון היסטאָרישער לינגוויסטיק. א סך פּראָבלעמען פון שפּראך-געשיכטע קענען קיין מאָל ניט באארבעט ווערן דורך דאָקומענטן און ס'איז אומבאקאנט אין דער שפּראך-וויסנשאפט א פאל וואו די מאָנומענטן זאָלן

קלעקן אויף צו שרייבן די געשיכטע פון א לשון. דער לינגוויסט מוז אָפּלאָזן דעם פּראָספּעקטיוון מעטאָד און ארבעטן אין דער פארקערטער ריכטונג. ער מוז רעקאָנסטרואירן דעם עבר. אזוי ארום באקומט דער היסטאָרישער לינגוויסט די מעגלעכקייט זיך צו דערגרונטעווען צו דער שפּראך פון א תקופה א סך עלטער איידער די עלטסטע באקאנטע מאָנומענטן. אז מען נעמט אין באטראכט די פּאָדערונגען און דערגרייכונגען פון דער היסטאָרישער לינגוויסטיק אין דער צווייטער העלפט פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט ווייזט זיך בולט ארויס אז דער טראָפּ ליגט אויף עמפּירישער עווידענץ, עווידענץ וואָס דער פאָרשער באקומט דורך די אייגענע חושים זיינע. סאָסירס רעטראָספּעקטיווער מעטאָד איז אין א געוויסן זין די טעאָרעטישע אבסטראקציע פון דער קאָמפּאראטיווער רעקאָנסטרוקציע וואָס איז אויפגעקומען אין ניינצעטן יאָרהונדערט. זי האָט די וואונדערלעכע מעלה וואָס די פאָרמעס וואָס מיר פארגלייכן אויף צו רעקאָנסטרואירן זיינען די ה י נ ט י ק ע, ניט קיין פּאָסטולירטע אויפן סמך פון אמאָליקע גראפעמען.

איידער מיר קומען צו צו ספּעציפישקייטן איז כדאי בתכלית הקיצור צו באטראכטן די פלוגתא איבערן מקור פונעם סעמיטישן חלק אין א קאָסמישן געוועם. אזוי ארום וועט מען קענען זען דורך דער לאָגיק פון דער היסטאָרישער לינגוויסטיק ווי די זאך שטייט אפּריאָרי און אויף וועמען

ס'ליגט דער עול פֿון ראיה. דער קירצטער מהלך צווישן צוויי פּונקטן אין שטח איז א גלײַכע ליניע. דער קירצטער מהלך צווישן צוויי פּונקטן אין צײַט איז אויך א גלײַכע ליניע סײַדן ס'ווערט צעשטערט די נאטור. אז א געוויסער בנין איז געשטאנען אין אזא און אזא יאָר אין דער געשיכטע און דער זעלביקער בנין איז געשטאנען אין א שפּעטערדיקן יאָר איז דער בנין ג ע ב ל י ב ן סײַדן מען ווייס אז מען האָט אים צעשטערט און ווידער אויפֿגעבויט. דער נאטירלעכער מהלך צווישן צוויי פּונקטן אין צײַט בײַ איין שפּראך-פֿאָרמע איז פֿונעם ערשטן פּונקט ביזן צווייטן. אז די ווערטער אוודאי, דווקא און מסתמא זײַנען געווען בײַם ייִדישן פֿאָלק רעדנדיק א סעמיטישע שפּראך און מען געפֿינט די זעלביקע איינסן בײַם זעלביקן פֿאָלק רעדנדיק די ייִדישע שפּראך, איז א סימן אז אָט די איינסן, ווי טויזנטער אנדערע, האָבן געהאט א געוויסן לינגוויסטישן א ר י כ ת י מ י ם. ווער ס'האלט אָבער אז סעמיטישער שפּראך-חומר איז נעלם געוואָרן און איז צוריק אויפֿגעקומען אין דער גערעדטער שפּראך דורך די טעקסטן איז א מאמין אין ת ח י י ת ה מ ת י ם. כאָטש ביידע פּראָצעסן זײַנען באקאנט אין דער שפּראך-געשיכטע, איז אריכת ימים דער נאטירלעכער פּראָצעס, ותחיית המתים איז דער יוצא-דופּנדיקער. ווער ס'וויל אין א ספק-פֿאל דערווײַזן תחיית המתים איז עליו הראיה.

אז דער סעמיטישער חלק וואָלט אין יידיש אריין פון די טעקסטן דורך אן אויסגעצויגענעם פּראָצעס אין משך פון די יאָרהונדערטער וואָלט מען זיך געמעגט ריכטן אויף קאָלאָסאלע געאָגראַפישע אונטערשיידן אין דער עצם צונויפוואקסונג מיט די אנדערע חלקים אין יידיש. א געוויסער וואָקאל פונעם סעמיטישן חלק וואָלט זיך געקענט אנטוויקלען אין איינעם מיט אזא און אזא וואָקאל פונעם גערמאנישן חלק אין די נידערלאנדן אָבער מיט גאָר אן אנדער וואָקאל פונעם גערמאנישן חלק אין דער ליטע. אזעלכע פאלן זיינען אָבער אויסנאמען שבאויסנאמען: די פּאראלעלקייט פון דער צונויפוואקסונג איבער דער מאסיווער שפּראך-טעריטאָריע פון יידיש ווארפט זיך בפשוט אין די אויגן. פארן היסטאָרישן לינגוויסט איז דאָס דער סימן מובהק פון גענעאלאָגישער ירשונג פון א קדמון שפּראך. מען וואָלט געקענט מתרץ זיין אז אָט די פּאראלעלקייט נעמט זיך פון כוואליעס השפּעה פון איין דיאלעקט איבערן אנדערן. די אנדערשקייטן אין דער קאָנקרעטער רעאליזירונג אין איטלעכן דיאלעקט ווייזן אָבער אָן אז די שייכותדיקע איינסן האָבן אדורכגעמאכט די אלע פאָנעטישע שינויים וואָס כאראקטעריזירן די אנטוויקלונג פון איטלעכן דיאלעקט באזונדער. נמצא אז דער סעמיטישער חלק איז מלכתחילה געווען.

א גרויסער אויפטו איז עס געווען וואָס יחיאל פישער (דער איצטיקער בן-נון) האָט אין די דרייסיקער

יאָרן אריינגעפירט אין דער יידישער פילאָלאָגיע דעם באַגריף
קדמון יידיש בכלל און א סיסטעמאַטישע סכעמע פונעם
קדמון יידישן וואָקאַליזם בפרט (זען איצטער בן-נון 1973:
61-72; 183-238; 267-278). די אויסערגעוויינטלעכע
אויסגעהאלטנקייט פון די וואָקאַלישע מיטשטימונגען צווישן
די סיסטעמען וואָקאלן פון די יידישע דיאלעקטן איז א
בולטער דערווייז פאַר דער עמפּירישער עקסיסטענץ פון
קדמון יידיש. אָט די אויסגעהאלטנקייט גיט דעם יידישן
פילאָלאָג די מעגלעכקייט צו קאָנפראָנטירן די חלקים פון
יידיש איינער מיטן אנדערן. אין דער איצטיקער
באַטראַכטונג נוצן מיר מיכל הערצאָגס (1965: 228) סיסטעם
ציפערן אויף איבערצוגעבן די דיאפאָנעמען פון מאַקס
ווײַנרײַכס (1960ב; 1973: II, 343-368) קדמון סכעמע.
אין נידערלענדישן יידיש, אין צפון-מערבדיקסטן ווינקל
פון דער היסטאָרישער שפּראַך-טעריטאָריע פון יידיש, איז
דער דיפטאָנג uɔ דער ענטפּערער סײַ פונעם נאָרמאַליזירטן
מיטל-הויכדײַטשישן ô סײַ פונעם טבריהר אָפּנטראַפּיקן חולם
אַזוי אַרום אַז די ווערטער 'ברויט' brɔut, 'גרויס' grɔus
און rɔut 'רויט' האָבן דעם זעלביקן וואָקאַל וואָס xɔ́udəš
'חודש', sɔ́uxər 'סוחר' און šɔ́utə 'שוטה'. טוען מיר א
קוק אויף צענטראַל יידיש זעען מיר די זעלביקע
צונויפוואַקסונג נייערט מיט א באַזונדערער פאָנעטישער
געשיכטע וואָס האָט דערפירט צו דער רעאַליזירונג ɔi,
דעריבער brɔit, grɔis, rɔit, xɔ́idəš, sɔ́ixər, šɔ́itə.

אין צפון-מזרח ייִדיש באַווײַזן זיך די ביידע סעריעס מיטן זעלביקן <u>ei</u>, דעריבער <u>brejt</u>, <u>grejs</u>, <u>rejt</u>, <u>xéjdəš</u>, <u>séjxər</u>, <u>šéjtə</u>. אָט די אויסגעהאַלטענע מיטשטימונג לאָזט זיך צונויפּנעמען אין איין דיאַפֿאָנעם: דער וואָקאַל 42 וועלכער סימבאָליזירט די דיאַפֿאָנעם נידערלענדיש ייִדיש <u>ɔu</u> || צענטראַל ייִדיש נב || צפון-מזרח ייִדיש <u>ei</u> און מען קען פֿאַרשטיין זיך אַרײַננעמען אין דער דיאַפֿאָנעם די קאָנקרעטע רעאַליזירונגען פֿון אַלע אַנדערע ייִדישע דיאַלעקטן. אָט דער באַגריף ו אָ ק א ל 42 וואָלט ניט געקענט לאָגיש עקסיסטירן ווען ניט די אידענטישקייט פֿון דער צ ו נ ו י פ פ אָ ר ו נ ג פֿון די חלקים פֿון ייִדיש אין אַלע ייִדישע דיאַלעקטן. די פֿאַרשיידנקייט פֿון דער קאָנקרעטער רעאַליזירונג פֿון איין זייט ווײַזט אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט ירשונג פֿון דער קדמון שפּראַך, ניט מיט בוואַליעם השפּעה פֿון איין דיאַלעקט איבערן אַנדערן. די אידענטישקייט פֿון דער צונויפֿפֿאָרונג פֿון דער אַנדערער זייט ווײַזט אַז דער סעמיטישער חלק און דער גערמאַנישער חלק האָבן זיך געמוזט צונויפֿפֿאָרן אין דער עלטסטער תּקופֿה פֿון ייִדיש נאָך איידער ייִדיש האָט זיך צעגאָפּלט אויף דיאַלעקטן.

אָט די פֿאַרשיידנקייט פֿון קאָנקרעטער רעאַליזירונג באַנומען בבת אחת מיט דער אידענטישקייט פֿון דער צונויפֿפֿאָרונג איז אָבער דאָך ניט קיין ראיה ניט אָפּצופֿרעגן ווײַל מען קען דאָ מתרץ זײַן אַז ס'האַנדלט זיך אין פּאַראַלעלע אַנטוויקלונגען כּמעט ס'וואָלט געמוזט זײַן אַ גאַנץ גרויסער צופֿאַל וואָס זאָל קענען גורם זײַן די פּאַראַלעלקייט איבערן

גאנצן געאָגראַפישן שטח פון יידיש און איבערן גאנצן סטרוקטורעלן שטח פונעם יידישן וואָקאליזם.

נאָך וויכטיקער פאר דער קאָרעלירונג צווישן פארשיידענע קאָנקרעטע רעאליזירונגען און אידענטישע צונויפפאָרונגען איז די קאָרעלירונג צווישן פארשיידענע קאָנקרעטע רעאליזירונגען און פ א ר א ל ע ל ע  א נ אָ מ א ל י ע ס. פאראלעלע אנאָמאליעס רופן מיר אָן שטריכן וואָס זיינען יוצא-דופנדיק פונעם קוק פון די נאָרמאליזירטע נוסחאות פון די שפּראכן וואָס זיינען גענעטיש קרוביש מיט די חלקים אין יידיש, ניט סתם יוצא-דופנדיק נייערט יוצא-דופנדיק אויף פונקט דעם זעלביקן אופן אין אלע יידישע דיאלעקטן. אין דער סוגיא וואָקאליזם וועט דאָס הייסן אז פונקט דער זעלביקער יוצא-דופנדיקער קדמון וואָקאל באווייזט זיך אין זעלביקן לעקסישן איינס אין אלע דיאלעקטן. לאָמיר א קוק טאָן אויף דריי דוגמאות. דער סבריהר אָפּנטראפּיקער סגול איז דער ענטפערער פון וואָקאל 25 אין איינעם מיטן מיטל-הויכדייטשישן אָפּנטראפּיקן ë, אזוי ארום אז דער טיפּ בגד, חסד, קרן האָט דעם זעלביקן וואָקאל וואָס דער טיפּ בעזעם, בעטן, טרעטן. איז אָבער פאראן א סעריע יוצא-מן-הכלל, חדר, פסח, צלם וכדומה וואו דער אָפּנטראפּיקער סגול באווייזט זיך דווקא ווי וואָקאל 22 אין איינעם מיטן מיטל-הויכדייטשישן ê, דער טיפּ אייביק, ווייטיק, שניי, זיינען זיי יוצא-מן-הכלל אין א ל ע יידישע דיאלעקטן — אין נידערלענדישן יידיש xɛ́jdər, pɛ́jsəx, cɛ́jləm מיט נידערלענדיש יידיש ɛi$_{22}$ אַנשטאָט xédər, pésəx, céləm מיט נידערלענדיש יידיש ē$_{25}$; אין צענטראל יידיש xájdər,

pájsəx, cájləm מיט צענטראַל יידיש $ai_{22}$ אַנשטאָט xéjdər
péjsəx, céjləm מיט צענטראַל יידיש $ei_{25}$; אין צפון-מזרח
יידיש xéjdər, péjsəx, céjləm מיט צפון-מזרח יידיש $ei_{22}$
אַנשטאָט xɛ́dər, pɛ́səx, cɛ́ləm מיט צפון-מזרח יידיש ɛ$_{25}$.
דער טבריהר אָפּנטראַפּיקער שורוק איז דער ענטפּערער פון
וואָקאַל 52 אין איינעם מיטן מיטל-הויכדייטשישן uo אַזוי
אַרום אַז דער טיפּ בתולה, חברותא, מלבושים האָט דעם
זעלביקן וואָקאַל וואָס דער טיפּ ברודער, זוכן, שול. איז
אָבער דאָס וואָרט מזוזה אַ יוצא-מן-הכלל, ס'באַווייזט זיך
דווקא מיט וואָקאַל 51 אין איינעם מיטן מיטל-הויכדייטשישן
u, דער טיפּ הונט, טרוקן, פרום, איז עס אַ יוצא-מן-הכלל
אין אַ ל ע יידישע דיאַלעקטן —— אין נידערלענדישן יידיש
məzṓzə מיט נידערלענדיש יידיש $\bar{o}_{51}$ אַנשטאָט məzúzə מיט
נידערלענדיש יידיש $u_{52}$; אין עלזאַסער יידיש məsúsə מיט
עלזאַסער יידיש $u_{51}$ אַנשטאָט məsǘsə מיט עלזאַסער יידיש
$ü_{52}$; אין צענטראַל יידיש məzī́zə מיט צענטראַל יידיש $\bar{i}_{51}$
אַנשטאָט məzī́zə מיט צענטראַל יידיש $\bar{i}_{52}$; אין צפון-מזרח
יידיש איז ניט שייך ווייל 51 און 52 האָבן זיך צונויפגעגאָסן
אין u. דער טבריהר פאַרמאַכטטראַפּיקער צירה איז דער
ענטפּערער פון וואָקאַל 21 אין איינעם מיטן מיטל-הויכדייטשישן
קורץ געבליבענעם e, אַזוי אַרום אַז דער טיפּ בית-דין, לץ,
נס האָט דעם זעלביקן וואָקאַל וואָס דער טיפּ בעסער, מענטש,
שמעקן. זיינען אָבער די אות-נעמען בית, בֿית, ריש און
דאָס וואָרט חן יוצא-מן-הכלל, זיי באַווייזן זיך דווקא מיטן
אויבן דערמאָנטן וואָקאַל 22, זיינען זיי יוצא-מן-הכלל אין

אלע יידישע דיאלעקטן — אין נידערלענדישן יידיש און עלזאסער יידיש bɛjs, vɛjs, rɛjš, xɛjn; אין צענטראל יידיש bajs, vajs, rajš, xajn; אין דרום-מזרח יידיש און צפון-מזרח יידיש bejz, vejz, rejš, xejn. אומעטום אַנשטאַט bɛz/bɛs, vɛz/vɛs, rɛš, xɛn מיטן אוניווערסאלן $\varepsilon_{21}$. דאָס צונויפשטעלן א לפי ערך שלימותדיקע רשימה פון די פאראלעלע אנאָמאליעס אין יידיש און לאו דווקא אינעם סעמיטישן חלק, וועט ברענגען א סך נוצן דער יידישער פילאָלאָגיע בפרט און דער טעאָרעטישער שטודיע פון קדמון שפראכן אין דער היסטאָרישער לינגוויסטיק בכלל.

## 9. די סטאנדארד-טעאָריע איבערן וואָקאליזם פונעם סעמיטישן חלק

פאראלעלע אנאָמאליעס זײנען בכוח צו דערווײזן אז דער סעמיטישער חלק אין געווען אין יידיש אײדער דאָס לשון האָט זיך צעגאָפּלט אויף דיאלעקטן, ד"ה אינעם עלטסטן יידיש. מען קען דאָ מתרץ זײן אז דער גרויסער אַרײַננעם פון די טעקסטן וואָס די טעקסטן-טעאָריע פּאָסטולירט האָט זיך מיט יידיש פארלאָפן דווקא אין דער עלטסטער תקופה כאָטש לויטן שכל פון דער טעקסטן-טעאָריע וואָלט מען זיך געמעגט ריכטן אויף א כסדרדיקן פראָצעס פון אַרײַננעם, אויף א וואַקסנדיקן סעמיטישן חלק (§ 5). בכדי זיך צו דערגרונטעווען צו דער פראגע איבער דער עקסיסטענץ פונעם סעמיטישן חלק פונעם

סאמע בראשית פון יידיש קען מען זיך באנוצן מיט די מעטאָדן פון דער קאָמפּאראטיווער לינגוויסטיק. דעם אויבנאָן וועט פאַרנעמען די רעקאָנסטרואירונג פון דער געשיכטע פונעם וואָקאליזם פונעם סעמיטישן חלק. אויב דער וואָקאליזם פונעם סעמיטישן חלק איז דורכויס א פּועל יוצא פון דער סיסטעם קריאה פון לשון קודש, פון דער השפּעה פונעם גערמאנישן חלק צי פון ביידע איז קיין זאך ניט געדרונגען. אויב להיפוך דער וואָקאליזם פון סעמיטישן חלק קען ניט שטאמען אין גאנצן ניט פון דער קריאה, ניט פון גערמאנישן חלק, ניט פון ביידע איז דערפון געדרונגען אז ער האָט געמוזט האָבן אן אנדער שפּראכיקן מקור דהיינו ער איז געבראכט געוואָרן גערעדטערהייט פון מיטעלן מזרח אין אייראָפּע אריין.

פאראן א נישקשהדיקער סכום פּאָנעטישע באמערקונגען איבערן סעמיטישן חלק פון זעכצעטן, פון זיבעצעטן און פון אכצעטן יאָרהונדערט. על פּי רוב זיינען דאָס באמערקונגען מכוח דעם ארויסרייד פון איינציקע ווערטער. געווען אפילו פּרואוון אויף צו פארגלייכן סיסטעמאטיש דעם ארויסרייד פונעם סעמיטישן חלק אין יידיש מיטן ארויסרייד פון העברעאיש און אראמיש ביי די קריסטלעכע מלומדים, למשל ביי וואגענזיילן (1699: 85) און ביי שודטן (1714: II, 285). אָט די אלע באמערקונגען, סיי די דעסקריפּטיווע סיי די היסטאָרישע געהערן אלע דעם תחום פון פּ אָ נ ע ט י ק. ערשט אין נייניצעטן יאָרהונדערט נאָכן אויפקום פונעם קאָמפּאראטיוון מעטאָד האָבן זיך באוויזן די ערשטע שפּורן פון דער היסטאָרישער פ אָ נ אָ ל אָ ג י ע פונעם סעמיטישן

חלק. די טעאָריע וואָס געוועלטיקט ביז היינט איז געבוירן געוואָרן מיט העכער הונדערט יאָר צוריק. איר גרונטלייגער איז געווען דער העברעאישער פּאָעט און מדקדק אברהם דוב-בער מיכאלישקער (מיט ראשי תיבות אד"ם) בן חיים לעבענזאָהן באקאנט אין דער העברעאישער ליטעראטור ווי אדם הכהן. אדם הכהן (1874: 19-25) האָט זיך ניט באנוגנט מיטן פארגלייך צווישן דעם סעמיטישן חלק און דער ספרדישער הברה (וואָס איז דער יסוד פון דעם קריסטלעכן ארויסרייד פון העברעאיש) ווי עס האָבן געטאָן וואגענזייל און שודט. ער האָט ארייגעצויגן אינעם פארגלייך אויך די אשכנזישע הברה און דייטש. ביים פארגלייכן דעם וואָקאליזם פון אָט די פיר לינגוויסטישע סטרוקטורן —— דער סעמיטישער חלק אין יידיש, די ספרדישע הברה, די אשכנזישע הברה און דייטש —— האָבן זיך פאר אדם הכהנען ארויסגעוויזן א ריי גענעאלאָגישע צווישן-שייכותן. ס'איז ניט קיין גוזמא צו זאָגן אז אדם הכהנס עטלעכע זייטלעך איבערן וואָקאליזם פונעם סעמיטישן חלק עפענען א נייע תקופה אין דער יידישער שפּראך-פאָרשונג. ניט א פארגלייך סתם נייערט א פאקטישער באנוץ פונעם קאָמפּאראטיוון מעטאָד אנטפּלעקט זיך אין דער טעאָריע פון אדם הכהנען. איידער מען קומט צו צום תוכן פון דער טעאָריע מוז מען נאָר באוואָרענען אז א שיינע פּאָר פרעווינסנשאפטלעכע השגות און באמערקונגען געפינען זיך ביי אדם הכהנען ארייגעמישט מיט דער גאָר ערנסטער פּאָנאָלאָגישער טעאָריע. ווי א משל קען מען אָנווייזן אויף דער שנאה צו דיפטאָנגען מיטן „דערהייז" אז לשון קודש האָט ניט ליב קיין דיפטאָנגען וויל דיפטאָנגען

זײַנען א צונויפמיש פון פארשײדענע מינים װאָס איז אױך קעגן דער תורה. ניט געקוקט אױף דעם און ניט געקוקט אױפן גאנצן ביטול מיט װעלכן ער קוקט אָן די אשכנזישע הברה איז דער עצם אנאליז זײַנער א בפירוש לינגװיסטישער כאָטש ער איז סאָציאָלאָגיש מאָטיװירט.

בײַם פארגלײַכן די אשכנזישע הברה מיט דער ספרדישער האָט זיך אדם הכהנען ארויסגעװיזן אז די אשכנזישע הברה דיפערענצירט סיסטעמאטיש צװישן די רעאליזירונגען פון צירה און סגול, פון קמץ (=קמץ גדול) און פתח, פון חולם און קמץ קטן דורך בולטע אונטערשײדן אין דער װאָקאלישער איכות. אין דער ספרדישער הברה װערן אָבער איטלעכע פון די דרײַ פּאָרלעך רעאליזירט מיט דער זעלביקער װאָקאלישער איכות. צי ס'איז טאקע פאראן בײַ די ספרדים א בפירושדיקער חילוק אין דער װאָקאלישער כמות האָט ער ניט נאָכגעפאָרשט. געפינענדיק אז די קאָנקרעטע רעאליזירונגען בײַ די א ש כ נ ז י ם פונעם צירה, פונעם קמץ און פונעם חולם האָבן געװיסע אנאלאָגיעס אין דײַטש האָט אדם הכהן געדרונגען אז ניט נאָר די רעאליזירונגען גופא פונעם צירה, פונעם קמץ און פונעם חולם װאקסן פון גערמאנישער השפעה נײערט אױך דער עצם חילוק צװישן צירה און סגול, קמץ און פתח, חולם און קמץ קטן װאקסט פון גערמאנישער השפעה.
„גערמאנישע השפעה" הײסט דאָ ניט דער כוח פון שפּראכיקע קאָנטאקטן צװישן צװײ קאָטעריטאָריאלע באַפעלקערונגען. א באַװאוסטזיניקער פּראָצעס פון דיפערענצירונג װערט פּאָסטולירט, א באַװאוסטזיניקער פּראָצעס װעלכער האָט דערפירט צום

סעקונדערן אויפקום פון באזונדערע רעאליזירונגען פון די טבריהר לייען-סימנים צירה, קמץ און חולם אין דער קריאה פון וואקאליזירטע טעקסטן. נאך מער אינטערעסירט אונדז דא דער צווייטער טייל פון אדם הכהנס טעאריע. אינעם סעמיטישן חלק אין יידיש, להיפוך צו דער אשכנזישער הברה זיינען פאראן א סך פאלן אין וועלכע די ענטפערערס פון צירה, קמץ און חולם זיינען דווקא יא היינו הך מיט סגול, פתח און קמץ קטן: למשל דער וואקאל אין גר, לץ, מת וואו טבריה לייענט צירה איז אין יידיש אידענטיש מיטן וואקאל אין אביון, הפקר, חדווה וואו טבריה לייענט סגול („טבריה" הייסט דא די ס י ס ט ע ם, לאו דווקא איינסן אויפגעוויזן אין טבריהר תנך); דער וואקאל אין כלל, כתב, פרט וואו טבריה לייענט קמץ איז אין יידיש אידענטיש מיטן וואקאל אין בטלן, גנב, שבת וואו טבריה לייענט פתח; דער וואקאל אין כוס, סוד, סופרים וואו טבריה לייענט חולם איז אין יידיש אידענטיש מיטן וואקאל אין חכמה, ערלה, קרבן וואו טבריה לייענט קמץ קטן. דערפון ווערט פאר אדם הכהנען געדרונגען אז דער טיפ גר, לץ, מת, דער טיפ כלל, כתב, פרט, דער טיפ כוס, סוד, סופרים זיינען לעבעדיקע רעשטלעך אינעם סעמיטישן חלק אין יידיש פון דער אמאליקער קריאה. אט די רעשטלעך אין דער גערעדטער שפראך האבן זיך ניט אונטערגעגעבן דער קאדיפיצירטער אשכנזישער קריאה וואס איז אויסגעקומען אונטער דייטשישער השפעה. עד כאן אדם הכהן.

אדם הכהנס טעאריע האט איגנארירט דעם פאקט וואס אין א סך פאלן זיינען די ענטפערערס פון צירה, קמץ און

חולם אינעם סעמיטישן חלק שוין גאָר דיפערענצירט פון
סגול, פתח און קמץ קטן, למשל דער טיפ גרים, לצים, מתים,
דער טיפ כללים, כתבים, פרטים, דער טיפ כוסות, סודות,
סופר. ש. איזענשטאט (1908: 89) אין זיין ניט-
געראָטענעם פרואוו אויף צו קלאסיפיצירן די יידישע דיאלעקטן
האָט אויך ארויסגעזאָגט די מיינונג אז דער סעמיטישער
חלק איז לכתחילה כאראקטעריזירט געוואָרן דורך א „ספרדישן"
ארויסרייד. א תיקון האָט אדם הכהנם טעאָריע באקומען אין
1913 דורך די ארבעטן פון ח. טשעמערינסקין און מ.
ווײַנגערן אין ש. ניגערס פנקס, דער זאמלבוך מיט וועלכן
ס'ווערט געבוירן די נײַע יידישע פילאָלאָגיע. טשעמערינסקיס
ארבעט איז וואסערדיק און אָנגעפיקעוועט מיט מעטאָדאָלאָגישע
חסרונות ווי מען קען גרינג זען סיי פונעם ארטיקל גופא
סיי פון די הערות צום סוף פון בער באָראָכאָוון (1913ג).
דאָך האָט טשעמערינסקי (1913: 61-63) דער ערשטער דערזען די
שייכותדיקע פאָנעטישע שכנות פון די אזוי אָנגערופענע
„ספרדיזמען" אינעם סעמיטישן חלק. פאָרמולירט האָט ער עס
בפירוש נאָר פאר צוויי פון די דריי פאָרלעך. די זעלביקע
פאָנעטישע שכנות איז אָבער שייך אלע דריי פאָרלעך: די טיפן
גר/לץ/מת, כלל/כתב/פרט, כוס/סוד/סופרים טרעפן זיך אין
פ א ר מ א כ ט ע ט ר א פ ן. די טיפן גרים/לצים/
מתים, כללים/כתבים/פרטים, כוסות/סודות/סופר טרעפן זיך
אין אָ פ ע נ ע ט ר א פ ן. ביים פארגלייכן אָט די
אויסגעפונענע פאָנעטישע שכנות מיט דער לענגונג פון

די ענטפּערערס אין גערמאַנישן חלק פֿון די מיטל-הויכדייטשישע לכתחילה קורצע וואָקאַלן איז טשעמערינסקי געקומען לידי מסקנא אַז דער פּראָצעס איז אין ביידע חלקים דער זעלביקער. טשעמערינסקיס צושטייער צו דער אַנטוויקלונג פֿון דער סטאַנדאַרד-טעאָריע איז דער באַגריף לענגונג אין אָפֿענעם טראַף. אין זעלביקן ווילנער פּנקס האָט מ. ווײַנגער (1913: 82-80) אַרויסגעזאָגט די זעלביקע טעאָריע אַ סך קירצער און מער עלעגאַנט. ער האָט אָבער אָנגעוויזן אין אַ הערה אַז די פֿאָרמולירונג איז אים אויסגעקומען צו הערן פֿון טשעמערינסקין.

דער ווײַטערדיקער שטאַפּל אין דער סדאַנדאַרד-טעאָריע איז געווען דער צושטייער פֿון דער פֿאָרשונג איבערן עלטערן לשון קודשדיקן ניקוד. אויפֿן סמך פֿון אַ היפּשער צאָל אַלטע אַשכּנזישע כּתב-ידן האָט חנוך ילון (1938: 66-63; 1939א: 11; 1939ב: 34-33; 1942א; 1942ב; 1943: 51-52) אויפֿגעוויזן אַז די גראַפֿישע אָפּאָזיציעס צווישן צירה און סגול פֿון איין זײַט און קמץ און פּתח פֿון דער אַנדערער זײַנען שטאַרק מטושטש אין אַמאָליקן אַשכּנזישן ניקוד. ווײַטערדיקע פֿאָרשונגען איבער אַלטע אַשכּנזישע כּתב-ידן האָבן אויפֿגעוויזן די זעלביקע וואַקלענישן (זען למשל קלאַר 1951: 73; הלוי 1957: 217; בית-אריה 1965: 37-34, 102-101; אלדר 1975: 207; 1976: 40, 45). ילון איז געקומען צו די זעלביקע צוויי מסקנות וואָס אדם הכהן נאָך וואָס דען מיט אַ סך עווידענץ צו דער האַנט. די ערשטע מסקנא

זײנע איז אז די סיסטעם קריאה אין אמאָליקן אשכנז איז געװען נאָענט צו דעם װאָס מען רופט הײנט די ספרדישע הברה, א פֿינפֿװאָקאלישע סיסטעם. דערפֿאר האָבן די נקדנים געפֿלאָנטערט צירה מיט סגול און קמץ מיט פּתח. די צװײטע מסקנא איז דירעקט נוגע דעם סעמיטישן חלק אין יידיש. ילון (1938: 63; 1942א: 27) טענהט אין אײנעם מיט אדם הכהנען, טשעמערינסקין און װײנגערן אז די טיפּן גר, כלל, כוס זײנען רעשטלעך פֿון דער אמאָליקער קריאה װאָס האָבן זיך דערהיט אין דער גערעדטער שפּראך. ילונס נאָכגײער אין דער פֿאָרשונג פֿונעם עלטערן ניקוד, בתוכם מורג (1971: 1130) און אלדר (1976: 48) האלטן זיך בײ זײנע מסקנות אויך װעגן דעם סעמיטישן חלק אין יידיש. אדם הכהן האָט פּאָסטולירט אז תחילת איז די אשכנזישע קריאה גאָר געװען א פֿינפֿװאָקאלישע סיסטעם, אנטװיקלט די טעאָריע מיט ראיות האָט ילון. אדם הכהן האָט פּאָסטולירט אן „אשכנזירונג" אונטער דײטשישער השפּעה, אנטװיקלט די טעאָריע מיט ראיות האָט טשעמערינסקי.

אײדער מען קען אריבערגײן צו א קריטישער אויספֿאָרשונג פֿון אָט דער סטאנדארד־טעאָריע איבערן װאָקאליזם פֿונעם סעמיטישן חלק אין יידיש מוז דערמאָנט װערן די טעאָריע פֿון מאקס װײנרײכן (1954: 93-99; 1963-1964: 325-326; 1973: II, 31-32) איבערן „בבלישן רענעסאנס". אָט די פֿאנטאסטישע טעאָריע טענהט אז מלמדים פֿון בבל האָבן פֿארשפּרײט אין אשכנז די לײען־סיסטעם פֿון טבריה. אזוי ארום באקומט זיך

אז די טיפן גר, כלל, כוס זײַנען רעשטלעך װעלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פֿון דעם „רענעסאַנס״. דער „בבֿלישער רענעסאַנס״ איז שוין קריטיקירט געוואָרן אַ סך מאָל פֿון אַ צאָל פֿאָרשער, צװישן זיי זיסקינד (1965: 10-11, 13-14), מורג (1971: 1128-1130), בן-נון (1974: 315) און אלדר (1976: 47-48). אָט די עקזאָטישע טעאָריע טאָר ניט פֿאַרקלענערן מיט אַ האָר די אײביקע גרויסקייט פֿונעם לעבנסווערק פֿונעם היסטאָריקער פֿון דער יידישער שפּראַך. פֿון דער אַנדערער זײַט טאָר מען זיך ניט אָפּזאָגן פֿונעם חוב פֿון אונדזער װיסנשאַפֿט אָנצואווײַזן אויף שוואַכקייטן. ניט נאָר דער וואָקאַליזם פֿונעם סעמיטישן חלק ווערט צוגעשריבן דעם „רענעסאַנס״. די טעאָריע דינט ווי אַ מין אוניווערסאַלע רפֿואה אויף אַלע ספֿקות אין דער פֿאָנאָלאָגישער געשיכטע פֿונעם סעמיטישן חלק. דער „רענעסאַנס״ ווערט פּאָסטולירט למשל, אַמאָל טענטאַטיוו, אַמאָל אָן באַוואָרענישן ביי דער ü רעאַליזירונג פֿונעם קובוץ (מ. ווײַנרײַך 1963-1964: 235; 1973: II, 12, 18, 275); ביי דער ŏ רעאַליזירונג פֿונעם קובוץ (מ. ווײַנרײַך 1963-1964: 235; 1973: II, 10, 19); ביי דער מלעיל אַקצענטירונג (מ. ווײַנרײַך 1963-1964: 326-327; 1973: II, 32-33); ביי דער נול רעאַליזירונג פֿון שוואַ (מ. ווײַנרײַך 1963-1964: 327; 1973: II, 35-36); ביי דעם אַרויסרײַד פֿון צ ווי אַן אַפֿריקאַט (מ. ווײַנרײַך 1963-1964: 328; 1973: II, 36); ביי דער איבערגרופּירונג פֿון די סיבילאַנטן (מ. ווײַנרײַך 1963-1964: 329; 1973: II, 38); ביי דער דיפֿערענצירונג פֿון ה און ח (מ. ווײַנרײַך 1973: II, 40).

דאָס וויכטיקסטע איז וואָס מאַקס ווײַנרײַך (1954: 91-92; 1963-1964: 241; 1973: II, 20-21) האַלט אין אײנעם מיט אדם הכהנען, טשעמערינסקין, ווײַנגערן און ילונען אַז אינעם סעמיטישן חלק זײַנען לכתחילה געווען נאָר פינף קורצע וואָקאַלן אַזוי ווי אין דער אַזוי אָנגערופענער ארץ ישׂראלדיקער קריאה און אין דער ספרדישער הברה. ווײַנרײַך איז דורכויס מסכים מיט זײַנע פאָרויסגײער אַז לאַנגע וואָקאַלן זײַנען סעקונדער אויפגעקומען און אַז די טיפֿן גר, כלל, כוס זײַנען „רעשטלעך". אינעם ערשטן נוסח פון זײַן קדמון סבעמע האָט ווײַנרײַך (1960ב: 66-68) אידענטיפיצירט דעם צירה מיט אַ לכתחילה לאַנגן וואָקאַל אינעם גערמאַנישן חלק און דער מעמד פונעם קמץ און פונעם חולם איז געבליבן אָפן. אינעם לעצטן נוסח אידענטיפיצירט אָבער ווײַנרײַך (1973: II, 334, 352-354) אַלע דרײַ וואָקאַלן אָן ספקות מיט לכתחילה קורצע סעקונדער געלענגטע וואָקאַלן אינעם גערמאַנישן חלק. דעריבער מוז מען באַמערקן אַז די אַטאַקעס פון מורגן (1971: 1130) און אַלדרן (1976: 47-48) זײַנען ניט אין גאַנצן באַרעכטיקט פון די אײגענע פערספעקטיוון זײערע. אינעם קאַפיטל איבערן סעמיטישן חלק פּאָסטולירט טאַקע ווײַנרײַך דעם בבלישן רעגעסאַנס. אינעם קאַפיטל איבערן קדמון וואָקאַליזם ווערן אָבער די איצטיקע לאַנגע וואָקאַלן אינעם סעמיטישן חלק אידענטיפיצירט מיט די לכתחילה קורצע פונעם גערמאַנישן חלק אַזוי אַרום אַז לויט אָט דעם קאַפיטל איז ווײַנרײַך אין פולן הסכם מיט זײַנע

פּארויסגײער. אָט דער אײנדרוק װערט שטארקער בײם לײענען דעם קאפּיטל איבערן װאָקאליזם פונעם גערמאנישן חלק װאו װײנרײך (1973: II, 124) זאָגט בפירוש אז די עצם עקסיסטענץ פון דער אָפּאָזיציע קורצע כנגד לאנגע װאָקאלן האָט זיך פון גערמאנישן חלק „איבערגעטראָגן אויפן װאָקאליזם פון דער ג א נ צ ע ר שמעלצשפּראך ײדיש". קען אויסקומען אז דאָס זײנען שני כתובים המכחישים זה את זה — אין אײן פּרק װערט פּאָסטולירט דער בבלישער רענעסאנס און אין אן אנדערן װערט פּאָסטולירט גערמאנישע השפּעה אויף צו פארענטפערן די זעלביקע פּראָבלעם. איז אָבער דער קאפּיטל „סעלעקטיװקײט און אויפשמעלצונג" דער כתוב השלישי װאָס איז מכריע ביניהם. דאָרטן ברענגט װײנרײך (1973: II, 274) צונויף די בײדע טעאָריעס, טענהנדיק אז בײדע פאקטאָרן האָבן עס געפּועלט און ס'װערט באטראכט װי א דוגמא פון „קאָנװערגענץ".

ניט א ל ע פילאָלאָגן װעלכע האָבן זיך מיטן ענין אָפּגעגעבן זײנען שטרענגע חסידים פון דער סטאנדארד-טעאָריע. א ספּעציעלע באטראכטונג פארדינען די אָריגינעלע פּאָרלײגן פון בן-נון (1973: 267-269, 278-285). אין אלגעמײן אָבער זײנען די יסודות װאָס אדם הכהן האָט געבויט פאר דער היסטאָרישער פּאָנאָלאָגיע פונעם סעמיטישן חלק אין 1874 די זעלביקע אויף װעלכע די סטאנדארד-טעאָריע איבערן װאָקאליזם בויט זיך עד היום. אָט ד י סטאנדארד-טעאָריע איבערן װאָקאליזם האָט זיך אײנגעבירגערט װי אן אינטעגראלער טײל פון דער סטאנדארד-טעאָריע איבערן אויפקום פונעם סעמיטישן חלק (§ 2).

## 10. די רעקאָנסטרוקציע פונעם וואָקאליזם פונעם סעמיטישן חלק

מיר וועלן זיך ניט אמפּערן מיט דער אָנגענומענער מיינונג איבער דער געשיכטע פונעם לשון קודשדיקן ניקוד אין אשכנז. די אינטערפּרעטאציע פון דעם ניקוד און זיין חשיבות פאר דער געשיכטע פון יידיש איז אָבער גאָר אן אנדער זאך. די אלע אויספּווייזן פון אלטע אשכנזישע כתב-ידן אין וועלכע צירה און סגול פון איין זייט און קמץ און פּתח פון דער אנדערער ווערן געפּלאָנטערט זיינען א דערווייז אז די נקדנים האָבן ניט אָפּגעהיט די טבריהר נאָרמעס. די פראגע צי שפּיגלען אָפּ אָט די כתב-ידן דעם פאקטישן ארויסרייד ביים לייענען פאָדערט א קריטישע פּרט-שטודיע. פון אָט די כתב-ידן אליין איז אָבער קיין זאך ניט געדרונגען וואָס איז שייך דעם ג ע ר ע ד ט ן סעמיטישן חלק אין יידיש.

די פאָנאָלאָגיע פונעם סעמיטישן חלק איז אין איטלעכן יידישן דיאלעקט אנדערש איידער די פאָנאָלאָגיע פון דער אשכנזישער קריאה אינעם זעלביקן דיאלעקטישן שטח. אינעם סעמיטישן חלק פון איטלעכן דיאלעקט זיינען פאראן ענטפערדס פון היסטאָריש לאנגע וואָקאלן און קורצע וואָקאלן אין אָפענע טראפן אָבער אין פארמאכטע טראפן נאָר פון היסטאָריש קורצע וואָקאלן. די ענטפערדס פון צירה, קמץ און חולם טרעפן זיך נאָר אין אָפענע טראפן בעת אין פארמאכטע טראפן זיינען די אָפּאָזיציעס צירה כנגד סגול, קמץ כנגד פּתח און חולם כנגד

קמץ קטן נייטראליזירט און ס'טרעפן זיך נאָר די ענטפּערערס
פון סגול, פּתח און קמץ קטן אחוץ א פּאָר סעמאנטיש
דעפינירלעכע יוצא-מן-הכלל. אָט די נייטראליזירונג
אין פארמאכטע טראפן איז גורם סינכראָנישע סיסטעמאטישע
וואָקאלישע אָפּבייטן אין איטלעכן דיאלעקט פון יידיש, דער
טיפּ שדים כנגד שד, דער טיפּ פּרטים כנגד פּרט דער טיפּ
סופר כנגד סופרים — אין נידערלענדישן יידיש šɛ́jdəm
~ šɛd, prṓtəm ~ prat, sɔ́ufər ~ sɔ́frəm; אין צענטראל יידיש
šájdəm ~ šɛd, prútəm ~ prat, sɔ́jfər ~ sɔ́frəm; אין דרום-
מזרח יידיש šéjdəm ~ šɛd, prútəm ~ prat, sɔ́jfər ~ sɔ́frəm;
אין צפון-מזרח יידיש šéjdəm ~ šɛd, prɔ́təm ~ prat, séjfər ~
sɔ́frəm. אין דער אשכנזישער קריאה פון איטלעכן דיאלעקטישן
שטח זיינען אָבער פאראן ענטפּערערס פון לאנגע און קורצע
וואָקאלן סיי אין אָפענע סיי אין פארמאכטע טראפן. די
אָפּאָזיציעס צירה כנגד סגול, קמץ כנגד פתח און חולם כנגד
קמץ קטן זיינען חל אין אלערלייאיקע טראפן. היות ווי ס'איז
ניטאָ קיין נייטראליזירונג אין פארמאכטע טראפן זיינען ניטאָ
קיין וואָקאלישע אָפּבייטן אָדער אין זעלטענע פאלן אנדערע
אָפּבייטן וואָס זיינען דאָ ניט שייך — אין נידערלענדישן
אשכנזיש šɛjdim, šɛjd; prōtim, prɔt; sɔufɛjr, sɔuf(ə)rim;
אין צענטראל אשכנזיש šajdim, šajd; prutim, prɔt; sɔjfajr,
sɔjf(ə)rim; אין דרום-מזרח אשכנזיש šejdim, šejd; prutim,
prɔt; sɔjfejr, sɔjf(ə)rim; אין צפון-מזרח אשכנזיש šejdim,
šejd; prɔtim, prɔt; sejfejr, sejf(ə)rim. אָט דאָס בילד

לאָזט זיך רעקאָנסטרואירן אויף דריי אופנים ואלו הן:

די ערשטע ברירה איז אז דער סעמיטישער חלק איז אריין אין יידיש נ אָ ך ד ע ם ווי די אשכנזישע קריאה איז נאָרמאליזירט געוואָרן (אויב מען נעמט אָן אז זי איז סעקונדער אויפגעקומען דורך נאָרמאליזירונג, אז זי איז ניט קיין געירשנטע). אויב דער סעמיטישער חלק וואָלט אריין אין יידיש נאָך דער פּאָסטולירטער נאָרמאליזירונג פון אשכנזיש בערך אין דרייצעטן יאָרהונדערט וואָלט ער דאָך געהאט לאנגע און קורצע וואָקאלן סיי אין אָפענע סיי אין פארמאכטע טראפן פונקט ווי דער אשכנזיש פון וועלכן ער שטאמט. אין געדמאַנישן חלק זיינען תמיד געווען לאנגע וואָקאלן אויך אין פארמאכטע טראפן אזוי אז א סטרוקטורעלע מניעה איז אוודאי ניט געווען. די וואָקאלישע סיסטעם פונעם סעמיטישן חלק אין איטלעכן יידישן דיאלעקט איז אָבער א ראדיקאל אנדערשדיקע איידער די לאָקאלע אשכנזישע קריאה. אינעם סעמיטישן חלק איז די אָפּאָזיציע לאנגער וואָקאל כנגד קורצער וואָקאל נייטראליזירט אין פארמאכטע טראפן אזוי ארום אז אין פארמאכטע טראפן טרעפן זיך נאָר קורצע וואָקאלן. די ערשטע ברירה איז דעריבער א לאָגישע אוממעגלעכקייט.

די צווייטע ברירה איז אז דער סעמיטישער חלק איז אריין אין יידיש פ א ר ד ע ם ווי די אשכנזישע קריאה איז נאָרמאליזירט געוואָרן (נאָכאמאָל, אויב מען נעמט אָן אז די קריאה גופא איז סעקונדער אויפגעקומען). אויב דער סעמיטישער חלק וואָלט אריין אין יידיש פאר דער פּאָסטולירטער נאָרמאליזירונג פון אשכנזיש בערך אין דרייצעטן יאָרהונדערט

וואָלט ער דאָך געהאט בלויז קורצע וואָקאלן אין אלערלייאיקע טראפּן פּונקט ווי די פּרעאשכנזישע קריאה פון וועלכער ער שטאמט. אין גערמאנישן חלק זיינען תמיד געווען קורצע וואָקאלן אויך אין אָפּענע טראפּן אזוי אז א סטרוקטורעלע מניעה איז אוודאי ניט געווען. די וואָקאלישע סיסטעם פונעם סעמיטישן חלק אין איטלעכן ייִדישן דיאלעקט איז אָבער א ראדיקאל אנדערשדיקע איידער די פינפוואָקאלישע סיסטעם פון דער פּרעאשכנזישער קריאה. אינעם סעמיטישן חלק איז די אָפּאָזיציע לאנגער וואָקאל כנגד קורצער וואָקאל אין די פאָרלעך צירה כנגד סגול און קמץ כנגד פּתח נ י ט נייטראליזירט אין אָפּענע טראפּן. די אָפּנטראפּיקע אָפּאָזיציע-טיפּן בהמה כנגד מחותנתטע און פּנים כנגד נחת זיינען חל אינעם סעמיטישן חלק פון איטלעכן ייִדישן דיאלעקט מיט פארשיידענע קאָנקרעטע רעאליזירונגען אין איטלעכן דיאלעקט — אין נידערלענדישן ייִדיש bəhɛ́jmə כנגד məxŏtḗnəstə און pṓnəm כנגד nā́xəs; אין צענטראל ייִדיש bəhájmə כנגד maxətéjnəstə און púnəm כנגד náxəs אָדער nā́xəs; אין דרום-מזרח ייִדיש האָבן זיך bəhéjmə און maxətéjnəstə צונויפגעגאָסן אין אחוץ ei אין פּאָדאָליער געגנט וואו ס'איז bəhéjmə כנגד maxətínəstə און אין גאנץ דרום-מזרח ייִדיש púnəm כנגד náxəs; אין צפון-מזרח ייִדיש bəhéjmə כנגד maxətɛ́nəstə און pɔ́nəm כנגד náxəs. בכדי אָנצונעמען די צווייטע ברירה מוז מען פּאָסטולירן אז די אָפּנטראפּיקע אָפּאָזיציעס זיינען סעקונדער אויפגעקומענע ווי א פּועל יוצא פון דער לענגונג פון

לכתחילה קורצע וואָקאלן אינעם גערמאנישן חלק. אזוי האלט די סטאַנדארד-טעאָריע איבערן וואָקאליזם פונעם סעמיטישן חלק (§ 9).

די דריטע ברירה איז אז דער סעמיטישער חלק איז אלעמאָל געווען אין יידיש, אז ער איז אריינגעבראכט געוואָרן אין די לעבעדיקע רייד פון די יידן וועלכע האָבן זיך באזעצט אין אשכנז. פאר דער דריטער ברירה זיינען די טעאָריעס איבער אלטע לשון קודשדיקע כתב-ידן מיט פארשיידענע סיסטעמען ניקוד ל ח ל ו ט י ן נ י ט ש י י ך. לויט דער דריטער ברירה זיינען די אָ פּ ב י י ט ן ג ו פ א — די טיפן שדים כנגד שד, פּרטים כנגד פּרט, סופר כנגד סופרים — אריין אין אייראָפּע בתורת ג ע י ר ש נ ט ע א ל ט ע ר נ א צ י ע ס. דאָס הייסט אז דער סעמיטישער חלק אין דער שמועסשפּראך איז אריין מיט א וואָקאלישער סיסטעם אין וועלכער די אָפּאָזיציע לאנגער וואָקאל כנגד קורצער וואָקאל איז חל אין אָפענע טראַפן אָבער נייטראליזירט אין פארמאכטע טראַפן. אָט די וואָקאלישע סיסטעם היט זיך אויף ביזן היינטיקן טאָג אין איטלעכן דיאלעקט פון יידיש אינעם סעמיטישן חלק.

די ערשטע ברירה, א ש פּ ע ט י ק ע ר א ר י י נ ק ו ם פונעם סעמיטישן חלק איז פאָנאָלאָגיש אוממעגלעך. די צווייטע ברירה, א פ ר י א י ק ע ר א ר י י נ ק ו ם פונעם סעמיטישן חלק פּאָסטולירט לענגונג אין אָפענע טראַפן אונטער גערמאנישער השפּעה. לויט אָט דער צווייטער ברירה וואָלט דער סעמיטישער חלק געמוזט אריין

ערשטנס פ א ר דער לענגונג פון קורצע װאָקאלן אין גערמאַנישן חלק און צװײטנס פ א ר דער נאָרמאליזירונג פון דער אשכנזישער קריאה. אזוי ארום איז די טעקסטן-טעאָריע מודה אין א גאָר פריאיקן ארײנקום פונעם סעמיטישן חלק כאָטש אפריאָרי האלט זי פון א כסדר װאקסנדיקן ארײנקום פון די טעקסטן (§ 5). די דריטע ברירה, ת ח י ל ת ד י ק ע ר ק י ו ם פונעם סעמיטישן חלק, בהסכם מיט דער ירושה-טעאָריע, פּאָסטולירט געירשנטע אלטערנאציעס. ביים אָפּפּסקענען צװישן אָט די צװײ ברירות קומען מיר א היבש ביסל נעענטער צום באשייד פון דער התחלה פונעם סעמיטישן חלק אין יידיש.

## 11. די אָפּאָזיציעס חולם כנגד קמץ קטן און צירה כנגד סגול

די היסטאָרישע רעקאָנסטרוקציע קען קיין זאך ניט פועלן ביי דער פראגע פון חולם כנגד קמץ קטן מחמת דעם װאָס די פארשפרייטונג פון די ביידע װאָקאלן איז א דערגאנצעװדיקע. די דיאפאָנעם װאָקאל 42, דער ענטפערפער אין יידיש פונעם חולם טרעפט זיך אינעם סעמיטישן חלק נאָר אין אָפענע טראפן (מיט װינציק יוצא-מן-הכלל, למשל אין מזרחדיקן יידיש <u>היות</u>, <u>המון</u>, <u>חוב</u>) בעת די דיאפאָנעם 41, דער ענטפערער פונעם קמץ קטן (און פונעם נייטראליזירטן פארמאכטטראפיקן חולם) טרעפט זיך נאָר אין פארמאכטע טראפן.

דער איינאיקער באקאנטער לעקסישער איינס װעלכער איז סינכראָניש א יוצא-מן-הכלל איבער גאנץ יידיש איז <u>חגא</u> װאָס באַװײַזט זיך װי <u>xɔ́gə</u> אומעטום. די טבריהר פאָרמע איז אָבער <u>ḫɔ̆ggɔ́</u> װאו דער ערשטער טראָף איז פארמאכט און אומאקצענטירט —— אניט װאָלט דאָך דער ערשטער װאָקאל ניט געװען קיין קמץ קטן. אזוי װי דער ערשטער טראָף איז געװען א פארמאכטער װאָס האָט זיך סעקונדער אויפגעעפנט אדאנק דעם איבעררוק פונעם טראָפ און דער דעגעמינירונג איז <u>חגא</u> ניט קיין יוצא-מן-הכלל היסטאָריש גערעדט. אחוץ דיאלעקטיש באגרענעצטע יוצא-מן-הכללן װאָס זיינען גאָר װיניציק אין צאָל איז די היסטאָרישע דערגאנצעװדיקע שפּרייטונג פון די װאָקאלן 41 און 42 א פערפעקטע אינעם סעמיטישן חלק אזוי ארום אז מיר לערנען זיך גאָרניט.

א סך מער לאָזט זיך דרינגען פון די יידישע ענטפּערערס פון צירה און סגול. די טבריהר װאָקאלן צירה און סגול (אריינגערעכנט חטף סגול) האָבן דריי יידישע ענטפּערערס, די דיאפאָנעמען 21, 22 און 25 —— דער טיפּ <u>אמת</u>, <u>אפשר</u> <u>הפקר</u> מיט 21, דער טיפּ <u>גירוש</u>, <u>כלים</u> <u>לאה</u> מיט 22 און דער טיפּ <u>בגד</u>, <u>חסד</u>, <u>קרן</u> מיט 25. אין נידערלענדישן יידיש <u>émәs</u>, <u>éfšәr</u>, <u>héfkәr</u>, כנגד <u>géjrәš</u>, <u>kéjlәm</u>, <u>léjә</u> כנגד <u>bégәd</u>, <u>xésәd</u>, <u>kérn</u>; אין צענטראל יידיש <u>émәs</u>, <u>éfšәr</u>. <u>héfkәr</u> כנגד <u>gájrәš</u>, <u>kájlәm</u>, <u>lájә</u> כנגד <u>béjgәd</u>, <u>xéjsәd</u>, <u>kéjrn</u>; אין דרום-מזרח יידיש <u>émәs</u>, <u>éfšәr</u>, <u>héfkәr</u> כנגד <u>béjgәd</u>, <u>xéjsәd</u>, <u>kéjrn</u> צונויפגעגאָסן מיט <u>gejrәš</u>, <u>kéjlәm</u>,

léjə אין ei אחוץ אין פּאָדאָליער געגנט וואו ס'איז bígəd, xísəd, kírn; אין צפון-מזרח יידיש émәs, éfšər, hέfkər צונויפגעגאָסן מיט bέgəd, xέsəd, kέrn אין ε כנגד géjrəš, kéjləm, léjə. די פראגע, צי קענען אלע דריי דיאַפּאָנעמען, וואָקאל 21 (ε אין אלע דיאלעקטן), וואָקאל 22 (נידערלענדיש יידיש ej || צענטראל יידיש aj || דרום-מזרח יידיש און צפון-מזרח יידיש ej) און וואָקאל 25 (נידערלענדיש יידיש ē || צענטראל יידיש ej || דרום-מזרח יידיש ej אָדער i || צפון-מזרח יידיש ε) שטאמען פון איין קדמון-וואָקאל לאָזט זיך גרינג פארענטפערן דורך דער אינעווייניקסטער רעקאָנסטרוקציע. די וואָקאלן 21 און 25 זיינען אין א היסטאָריש פּערפעקטער דערגאנצעוודיקער שפּרייטונג. יעדער קדמון-וואָקאל 21 איז ג ע וו אָ ר ן 25 אין אקצענטירטע אָפענע טראפן. נאָך דעם ווי דער אקצענטירטער אָפנטראפיקער 21 איז געלענגט געוואָרן אויף 25 האָט זיך דער טראָפ איבערגערוקט אויף מלעיל אזוי ארום אז דער טיפ אלול, אמור (די פּרשה), אמת (אלע מיט חטף סגול) איז בכלל ניט געלענגט געוואָרן אויף 25 און די אָפּאָזיציע 21 כנגד 25 איז סעקונדער געוואָרן א פאָנעמישע. אָבער 21 און 25 פון איין זייט און 22 פון דער אנדערער זייט קענען בשום אופן ניט שטאמען פון אן איינציקן קדמון וואָקאל מחמת דעם וואָס זיי שטייען אין פונקט דער זעלביקער פאָנעטישער שכנות, דהיינו אין אקצענטירטע אָפענע טראפן. די אָפנטראפיקע אָפּאָזיציע צירה (וואָקאל 22) כנגד סגול (די וואָקאלן 21 און 25) האָט דעריבער ג ע מ ו ז ט שוין זיין בנמצא אין

קדמון יידיש. די אנגענומענע טעאָריע אַז דער אָפּנטראַפּיקער צירה ענטפּערט איז סעקונדער אויפגעקומען על פּי לענגונג האָט ניט קיין האַפט.

12. דער היסטאָרישער מהות פונעם אָפנטראַפּיקן קמץ

ביי דער באַטראַכטונג פונעם היסטאָרישן מהות פונעם אָפנטראַפּיקן קמץ דאַרף ראשית כל פאַרצייכנט ווערן אַז די קשיא איז, צי איז דער קמץ (=אָפּנטראַפּיקער קמץ) ענטפּערט סעקונדער אויפגעקומען דורך לענגונג ווי ס'האַלט די סטאַנדאַרד-טעאָריע איבערן וואָקאַליזם (§ 9) צי זיינען קמץ און פּתח מלכתחילה געווען פאַרשיידן אין אָפענע טראָפן ווי ס'האַלט די ירושה-טעאָריע (§ 10). די פראַגע איין קדמון-וואָקאַל צי צוויי איז אַן ענין פון פאָנאָלאָגישער אָפּאָזיציע. אין וועלכער ניט איז תקופה אין וועלכער דער קמץ ענטפּערט איז געווען פאָנעטיש געקיילעכט איז ער במילא געווען אַנדערש איידער דער פּתח. וואָס איז שייך אָט דער פאָנעטישער פראַגע וואָס האָט אויך אַ גרויסע פאָנאָלאָגישע חשיבות האַלטן מיזעס (1924: 1-16), סגל (1928: 50; 1928-1929) און בירנבוים (1931) אַז די געקיילעכטע רעאַליזירונג איז אַן אַלטע, איטלעכער פון די דריי נוצנדיק אַ באַזונדערן מעטאָד. קיין איינעם איז אָבער ניט געראָטן אויפצואווייזן מיט ראיות ניט אָפּצופרעגן אַז אין דער עלטסטער תקופה פון יידיש איז דער קמץ געווען אַ געקיילעכטער אַזוי אַרום אַז די מיינונגען איבער דער קאָנקרעטער רעאַליזירונג זיינען ניט בכוח צו לייזן די

פֿאָנאָלאָגישע פּראָבלעם קמץ כּנגד פּתח אין דער געשיכטע פֿון יידיש. אָט די פּראָבלעם קען נאָר לייזן דער קאָמפּאַראַטיווער מעטאָד.

מחמת דעם וואָס אין יידיש זיינען פֿאַראייניקט פֿאַרשיידענע חלקים, זיינען מיר אין א גליקלעכן מצב דערמיט וואָס א סך מאָל קען מען זיך באַנוצן מיטן קאָמפּאַראַטיוון מעטאָד, פֿאַרגלייכנדיק געווּיסע שטריכן פֿון איין חלק מיט די שייכותדיקע שטריכן פֿונעם אַנדערן. אין איטלעכן מאָדערנעם יידישן דיאַלעקט ווערט דער קמץ ענטפֿערער רעאַליזירט אין איינעם מיט מאַסעס לעקסישע איינסן פֿונעם גערמאַנישן חלק. דער טיפּ אלמנה, חלום, כבוד, פּטור, פּרנסה, קללה ווערט אינעם מאָדערנעם יידיש רעאַליזירט אין איינעם מיטן טיפּ אָוונט, בלאָזן, זאָגן, טאָג, נאָדל, נאָמען (לשם אויסגעהאַלטנקייט ווערן דאָ אויך געבראַכט די פֿאָרמעס אינעם נידערלענדישן יידיש) — אין נידערלענדישן יידיש almṓnə, xṓləm, kṓvəd, pṓtər, parnṓsə, klṓlə, ṓvnt, blṓzn, zṓgn, tṓg, nṓdl, nṓmən; אין צענטראַל יידיש און דרום-מזרח יידיש almúnə, xúləm, kúvəd, pútər, parnúsə, klúlə, úvnt, blúzn, zúgn, tug, núdl, númən (אין צענטראַל יידיש איז די לענג פֿונעם u בדרך כּלל אַלאָפֿאָניש וואַריאַירלעך לויט בירנבוימס געזעץ, אין דרום-מזרח יידיש בדרך כּלל קורץ); אין צפֿון-מזרח יידיש almɔ́nə, xɔ́ləm, kɔ́vəd, pɔ́tər, parnɔ́sə, klɔ́lə, ɔ́vnt, blɔ́zn, zɔ́gn, tɔg, nɔ́dl, nɔ́mən. מיר ווייסן פֿון דער גערמאַניסטיק אַז אָט די זעקס דוגמא ווערטער פֿונעם גערמאַנישן

חלק װאָס האָבן די זעלביקע רעאַליזירונג אין איטלעכן מאָדערנעם דיאַלעקט פון ייִדיש זײַנען די ענטפערס פון צװײ פאַרשײדענע קלאַנגען אינעם נאָרמאַליזירטן מיטל-הויכדײַטש. אָװנט, בלאָזן, נאָדל ענטפערן מיטל-הויכדײַטש âbent, blâsen, nâdəl מיט â בעת טאָג, זאָגן, נאָמען ענטפערן מיטל-הויכדײַטש tac, sagen, name מיט a. פון דער גערמאַניסטיק װערן מיר געװאױר הײסט דאָס אַז דער ערשטער טיפּ — אָװנט, בלאָזן, נאָדל — האָט אַ לכתחילה לאַנגן װאָקאַל בעת דער צװײטער טיפּ — טאָג, זאָגן, נאָמען — האָט אַ לכתחילה קורצן װאָקאַל װאָס איז סעקונדער געלענגט געװאָרן. אויב די סטאַנדאַרד-טעאָריע איז ריכטיקע, האָט זיך דער טיפּ אַלמנה, חלום, כּבוד, פּטור, פּרנסה, קללה אַנטװיקלט אין אײנעם מיט טאָג, זאָגן, נאָמען, כּלומר מיטן לכתחילה קורצן סעקונדער געלענגטן װאָקאַל. אויב אָבער די ירושה-טעאָריע איז די ריכטיקע, האָט זיך דער טיפּ אַלמנה, כּבוד, חלום, פּטור, פּרנסה, קללה אַנטװיקלט אין אײנעם מיט אָװנט, בלאָזן, נאָמען, כּלומר מיטן לכתחילה לאַנגן װאָקאַל. בײַם אויפדעקן דעם ענטפער אויף דער קשיא װעט זיך אַנטפּלעקן אַן עיקרדיקער סוד פונעם ייִדישן װאָקאַליזם.

די מעשה איז אָבער אַז ס'איז פאָלג מיך אַ גאַנג. איטלעכער היסטאָרישער לינגװיסט װײס אַז פון צװײ קלאַנגען װאָס האָבן זיך אין גאַנצן צונױפגעגאָסן ניט איבערלאָזנדיק קײן זכר פון אַמאָליקער פאַרשײדנקײט קען מען קײן זאַך ניט דרינגען. שוין געראָן (1902: 20) האָט

באמערקט א שוועריקייט אין זיין פרואוו פונאנדערצוטיילן דעם לכתחילה לאנגן וואָקאל (וועלכער הייסט אין דער איצטיקער קדמון סבעמע ־וו אָ ק א ל 12) פונעם לכתחילה קורצן סעקונדער געלענגטן וואָקאל (וועלכער הייסט אין דער איצטיקער קדמון סבעמע וו אָ ק א ל 13). סאפיר (1915: 239) האָט דאָס פאָרמולירט בפירוש אָנווייזנדיק אז אין צפון-מזרח יידיש אויף וועלכן זיין שטודיע בויט זיך איז דער ב דער זעלביקער, ניט שייך וואָס איז דער מיטל-הויכדייטשישער ענטפּערער. נח פרילוצקי (1920: 54, 57-58) וועלכער האָט געהאט צו דער האנט מאטעריאלן פונעם גאנצן מזרחדיקן יידיש, ווייזט אָן אז די עצם אידענטישקייט פון דעם לאנגן 12 מיטן געלענגטן 13 איז א סימן מובהק פון דער יידישער פאָנאָלאָגיע: „די דאָזיקע דערשיינונג״ האלט פרילוצקי, „איז ס פ ע צ י פ י ש פאר דער י י ד י ש ע ר שפראך, און איז איינע פון אירע כאראקטעריסטישע אייגנטימלעכקייטן״. מען טאָר זיך אָבער ניט מיאש זיין.

אין דער פאָרשונג איבער דער היסטאָרישער פאָנאָלאָגיע פונעם גערמאנישן חלק, האָט דער ענין וואָקאל 12 און וואָקאל 13 אויך פארנומען אן אויבנאָן. די אנטוויקלונג פון אָט די וואָקאלן האָט מאקס וויינרייך (1940א: 49) געהאלטן פאר „אן עיקרדיקן צווישנשייד צווישן דייטש און יידיש״. דער גאנג ביי די חכמי ישראל און די גערמאניסטן פונעם ניינצעטן יאָרהונדערט, דאָס טראנסקריבירן פאר אלטיידיש (דער עיקר הייסט דאָס אלט מערב יידיש) <a> אומעטום וואו ניי-הויכדייטש האָט <a>

איז אָן א ספק א טעותדיקער.  אין דער עלטערער יידישער שפּראך-פאָרשונג טרעפט זיך א סך מאָל די באמערקונג אז די יידן רעדן ארויס <o> אָנשטאָט <a>, למשל ביי שאדען (1592: [141]), ביי פּפייפערן (1680: 522), ביי אמערסבאכן (1689: 34), ביי שודטן (1714: II, 285), ביי האזעלבאוערן (1742: 237), ביי קריזאנדערן (1750: 4), ביי רייצענשטיינען (1764: [218]), ביי זעליגן (1767: 36) און ביי פרידריכן (1784: 197).  אחוץ דעם זיינען פאראן א סך אויפווייזן פונעם גראפעמישן באנוץ פון <ו> דאָרט וואו דער דייטשישער ענטפערער איז <a>.  דער וואָוו קען דאָך נאָר רעפּרעזענטירן א געקייליכטן וואָקאל.  שוין אין זיינע <u>שטאפּלען</u> האָט ווײנרייך (1923: 41-42) פאָרמולירט זיין שטעלונג: „איך פערזענלעך בין זיכער, אז נאָך די אלטע יידישע שפּראך האָט געהאט o̲ דאָרטן וואו דאָס היינטיקע ליטווישע יידיש האָט o̲”.  דערביי האָט ווײנרייך שארף קריטיקירט גידעמאנען, גרינבוימען, פּערלעסן און אפילו לאנדוין פארן טראנסקריבירן פארן עלטערן יידיש <a> דאָרטן וואו די ניי-הויכדייטשישע ענטפערערס האָבן <a> (זען מ. ווײנרייך 1923: 41-42, 79-80, 84-85, 119, 136-137, 155, 158; 1926: 162; 1928ב: 708).  לשם היסטאָרישער אקוראטקייט דארף נאָר פארצייכנט ווערן אז ניט אלע פאָרשער פון יידיש פון דער גערמאניסטישער שול האָבן אומקריטיש געפּסקנט לויטן מוסטער פון ניי-הויכדייטש.  שטערק און לייצמאן (1923: XXV-XXVI) למשל, פארגלייכנדיק אליה בחורס (1542) אויסלייג מיט פאגיוסעס טראנסקריפּציעס באמערקן אז דער <ו> ביי אליה בחורן קען מען נאָר לייענען ווי א מין o̲.

## .13 די אויספּלאָנטערונג פֿון די וואָקאלן 12 און 13 אינעם גערמאנישן חלק

ניט די גערמאניסטישע שול, ניט ווײַנרײַך איז געווען אין גאנצן גערעכט. די גערמאניסטישע שול האָט אַרײַנגעטראָגן דעם מוסטער פֿון ניי-הויכדײַטש וואו די ענטפּערערס פֿון מיטל-הויכדײַטשישן לכתחילה לאַנגן â פֿון געלענגטן a האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אין ā. ווײַנרײַך האָט אַרײַנגעטראָגן דעם מוסטער פֿונעם מאָדערנעם מזרחדיקן יידיש וואו די ענטפּערערס פֿון ביידע מיטל-הויכדײַטשישע וואָקאלן האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אין צענטראַל יידיש און דרום-מזרח יידיש u || צפֿון-מזרח יידיש ב.

שלמה בירנבוים, דער גרונטלייגער פֿון דער קאָמפּאַראַטיווער יידישער פֿאָנאָלאָגיע (זען בירנבוים 1923), האָט די ביידע וואָקאלן אויסגעפּלאָנטערט אינעם עלטערן מערבדיקן יידיש. אין זײַן גראַפֿעמישן אנאליז פֿונעם קעלנער כתב-יד פֿון 1396 דערווײַזט בירנבוים (1932: 13-14) אַז אינעם יידיש פֿונעם דאָקומענט איז דער ענטפּערער פֿונעם מיטל-הויכדײַטשישן לאַנגן â זיכער שוין געווען געקײַלעכט בעת דער ענטפּערער פֿונעם מיטל-הויכדײַטשישן פֿאַרלענגלעכן a („געלענגט" קען מען אים ניט אָנרופֿן אויב ער איז דעמאָלט אפֿשר נאָך געווען קורץ) איז זיכער נאָך געווען אומגעקײַלעכט. אזוי אַרום לערנען מיר זיך אַז דער מערב יידיש פֿון אַמאָל האָט בפֿירוש מבחין געווען צווישן די ביידע וואָקאלן. פֿאַר זײַן קאטעגאָרישער מיינונג אַז די וואָקאלן 12 און 13 האָבן זיך

אין עלטערן מערב יידיש שוין צונויפגעגאָסן אין א
געקיילעכטן וואָקאל האָט ווײַנרייך געכאפט א הארבן פסק פון
יאָפּע (1954: 105-114), מארשאנען (1960: 35-37) און
זיסקינדן (1969-1970: 43). דער עיקרדיקער גראפעמישער
דערוויז אז די ביידע וואָקאלן האָבן זיך ניט צונויפגעגאָסן איז
די אָפטע ניט-באצייכענונג פון וואָקאל 13. אין דער אלטער
יידישער אָרטאָגראפיע איז א ניט-באצייכנטער וואָקאל אין א
טראף אויף וועלכן ס'פאלט דער טראָפּ בפירוש א סימבאָל פאר
<u>a</u>. וואָקאל 12 ווערט אָבער דורכויס באצייכנט דורך <א> אָדער
<ו> (זען אויך היידע 1974: 29-43).

יאָפע, מארשאן און זיסקינד זיינען אָבער אויך ניט
אין גאנצן גערעכט. זיי באטראכטן מערב יידיש ווי א
דיאלעקט. אויף אן אמת איז מערב יידיש כולל א סיסטעם
קאָדיאלעקטן ניט ווייניקער איידער מזרח יידיש. די
הינטערשטעליקייט פון דער יידישער פילאָלאָגיע אין אויפשטעלן
א לינגוויסטישע קלאסיפיקאציע פון די איינציקע דיאלעקטן
פון מערב יידיש טאָר ניט פארפירן דעם פאָרשער מיטן געדאנק
אז מען האָט דאָ צו טאָן מיט א „דיאלעקט” (זען מ. ווײַנרייך
1958: 165, 176-177). קארל ווילהעלם פרידריך (1784: 50-
52) וועמען ווײַנרייך (1940ב: 103) רופט אָן מיט יושר דעם
ערשטן יידישן דיאלעקטאָלאָג, פארצייכנט אז טייל יידיש
רעדנדיקע זאָגן <Was> בעת אנדערע זאָגן <Woes>. אָט דער
חילוק ווערט באנוצט דורך פרידריכן ווי איינער פון די
סימנים אין זיין פרואוו אויף צו קלאסיפיצירן די יידישע

דיאלעקטן אינעם אכצעטן יאָרהונדערט. פון פרידריכן לערנען מיר זיך אז אין טייל מקומות איז וואָקאל 13 געבליבן אומגעקיילעכט און במילא אנדערש איידער וואָקאל 12 בעת אין אנדערע מקומות איז ער געווען געקיילעכט און במילא צונויפגעגאָסן מיט וואָקאל 12. ווייסן מיר אז ווײנרײכס מיינונג איז א ריכטיקע וואָס איז נוגע טייל מערב יידיש וואו סיי 12 סיי 13 זיינען געקיילעכט און צונויפגעגאָסן בעת די מיינונג פון יאָפען, מארשאנען און זיסקינדן איז א ריכטיקע וואָס איז נוגע אן אנדער טייל מערב יידיש. פרידריכס באנוץ פון וואָקאל 13 ווי א סימן אויף צו קלאסיפיצירן עפנט פאר אונדז אויף די טיר אָבער מען ווייס נאָך אלץ קיין זאך ניט וועגן דעם בערכדיקן געאָגראפישן פארשפרייט פון די ביידע רעאליזירונגען און אוודאי האָבן מיר ניט קיין רמז אפילו וואָס איז נוגע דער וואָקאלישער צונויפפאָרונג מיטן קמץ ענטפערער אינעם סעמיטישן חלק. צו דער געאָגראפישער פראגע קענען אונדז צו ניץ קומען די ווערק וואָס זיינען געשריבן געוואָרן בעת דער שקיעה פון מערב יידיש. אין אָט די ווערק איז די אָרטאָגראפיע שוין ניט די פארגליווערטע וואָס געפינט זיך (אמת, אין פארשיידענע נוסחאות) אין דער עלטערער יידישער ליטעראטור. אין די ווערק פון אייכלען, הערצן, וואָלפסזאָהנען און זייערע קאָלעגעס משכילים ווערט אָפט באנוצט דער לאָקאלער מערב יידישער דיאלעקט ווי א ליטעראריש מיטל. די טיפן פונעם עלטערן, טראדיציאָנעלן דור רעדן בדרך כלל אויפן לאָקאלן דיאלעקט פון מערב יידיש בעת די יינגערע „אויפגעקלערטע" טיפן רעדן בדרך כלל דייטש.

יאָפּע (1954: 113) האלט דאָס לשון פון אהרן האללע.
װאָלפסזאָהנס (1798) לײכטזין אונד פרעממעלײא פאר „א
צעקאליעטשעניש פון מערב יידיש" מחמת דעם באנוץ פון
דער גראפעם קמץ אויף איבערצוגעבן דעם װאָקאלישן
ענטפּערער פונעם מיטל-הויכדײטשישן פארלענגלעכן a. פון
דער אמסטערדאמער אויסגאבע װעגן װעלכער יאָפּע רעדט האָבן
מיר פארצײכנט פון די רײד פון ר' חנוכן (װעלכער איז
אײנער פון די טיפּן װאָס רעדט מערב יידיש אין דער פּיעסע)
אזעלכע גראפישע געשטאלטן װי <בצאָהלן, גזאָגט, דאָהס,
װאָהס, טאָג, מאָגער, נאָהמען, קלאָגט>. יאָפּע איז געצװאונגען
אזעלכע פאָרמעס צו האלטן פאר א צעקאליעטשעניש פון מערב
יידיש װײל זײ זײנען א הארבע קשיא פאר זײן פּאָזיציע אז
װאָקאל 13 האָט זיך אין מערב יידיש קײן מאָל ניט
צונויפגעגאָסן מיטן לכתחילה לאנגן װאָקאל 12. װאָלפסזאָהנס
ר' חנוך רעדט ניט קײן צעקאליעטשעטן מערב יידיש. ער
רעדט דעם דיאלעקט פונעם צפונדיקן טײל פון דער מערב
יידישער שפּראך טעריטאָריע װי ס'האָבן ריכטיק אָנגעװיזן
בער באָראָכאָװ (1915: 225) און זלמן רײזען (1923: 33).
פארקערט אָבער דאָס לשון פון יוסף הערצעס אסתר איז א
מוסטער פון אײנעם פון די דרומדיקע װאריאנטן פון מערב
יידיש װאו װאָקאל 13 איז געלענגט געװאָרן אויף ā. ער איז
אָבער קײן מאָל ניט געקײלעכט געװאָרן און אזוי ארום האָט
ער זיך קײן מאָל ניט צונויפגעגאָסן מיט װאָקאל 12 װאָס װערט
רעאליזירט געקײלעכט. (זען קאָפּלאנד און זיסקינד 1976:
112). אין דער פירטער אויסגאבע פון 1854 טרעפן זיך

אין די רייד פון אסתרן אין דער פיעסע אזעלכע גראפעמישע געשטאלטן ווי <דאַז, וואַז, זאַג> וואו וואָקאל 13 באווייזט זיך גראפעמיש ווי צוויי מאָל פתח-אלף. אָט דער אינעווייניקסטער איסאָגלאָס אינעם מערבדיקן יידיש לאָזט זיך סומירן פון די צוויי פיעסעס. ביי ר' חנוכן ווערן די וואָקאלן 12 און 13 רעאליזירט אין איינעם, ביי אסתרן איז איטלעכער פאר זיך.

14. באשייד פון דער קמץ מיסטעריע

סוף כל סוף זיינען מיר געקומען צום מעטאָד ווי אזוי מען קען געוואויר ווערן מיט וועלכן פון די צוויי וואָקאלן אין גערמאנישן חלק דער קמץ ענטפערער האָט זיך אנטוויקלט. מען דארף נאָר קאָנפראָנטירן דעם טיפ אלמנה, חלום, כבוד, פטור, פרנסה, קללה ערשטנס מיטן טיפ אָוונט, בלאָזן, נאָדל, צווייטנס מיטן טיפ טאָג, זאָגן, נאָמען אין יענע מערב יידישע דיאלעקטן וואו די וואָקאלן 12 און 13 זיינען געבליבן באזונדער. אָט אזא מין פארגלייך קען מען ניט אויספירן אויפן סמך פון די טראנסקריפציעס מיט לאטיינישע אותיות פון די קאָמפילאטאָרן פונעם אכצעטן יאָרהונדערט מחמת דעם וואָס זייערע טראנסקריפציעס באגרענעצן זיך בדרך כלל אויפן סעמיטישן חלק. די לעצטע מערב יידישע ליטעראַרישע ווערק קענען אונדז דאָ ניט צו ניץ קומען ווייל די פאָנעמישע

אָרטאָגראפיע זייערע באגרענעצט זיך צום גערמאנישן חלק. די סעמיטיזמען ווערן אויסגעלייגט לויט דער היסטאָרישער אָרטאָגראפיע.

די קאָנפראָנטירונג צווישן די וואָקאלן פון ביידע חלקים קען מען נאָר אויספירן אויפן סמך פון די שטודיעס פונעם מערבדיקן יידיש וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אינעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט לויט דעם סאמע פּאָרלאָזלעכסטן מעטאָד פון צונויפשטעלן א קאָרפּוס: די עמפּירישע עווידענץ וואָס דער לינגוויסט באקומט דורך דער שמיעה זיינער, איינהערנדיק זיך צו די לעבעדיקע רייד פונעם אינפאָרמאנט. אינעם יידיש פון עלזאס, אינעם יידיש פון דער שווייץ און אינעם יידיש פון פראנקען איז די רעאליזירונג פון וואָקאל 12 ō אָדער uɔ אָדער ū, דעריבער ṓvnt, blṓzn, nṓdl אָדער ɔ́uvnt, blɔ́uzn, nɔ́udl אָדער ū́vnt, blū́zn, nū́dl. וואָקאל 13 ווערט תמיד רעאליזירט ווי ā אין איינעם מיט וואָקאל 24 (דער טיפּ glāb 'גלייב', hām 'היים', klād 'קלייד') און אין איינעם מיט וואָקאל 44 (דער טיפּ bām 'בוים', lāf 'לויף', kāf 'קויף'). אין עלזאס, אין דער שווייץ און אין פּראנקען, א טעריטאָריע וואָס מען קען פּראָוויזאָריש אָנרופן ד ר ו ם - מ ע ר ב י י ד י ש, ווערן אונדזערע דוגמא ווערטער רעאליזירט (קאָנסאָנאַנטישע איכות דאָ ווי אומעטום נאָרמאליזירט) tāg, zāgə, nāmə. אזוי אויך באָרד bārd, גאָר gār, גאָרטן gā́rtə, גראָבן grā́bə, האָז hā́z, טראָגן trā́gə, פּאָרן fā́rə, צאָלן cā́lə, שלאָגן šlā́gə וכדומה (זען למשל בעראנעק 1965: 145-136; איבער עלזאס צוקערמאן 1969: 46; איבער דער שווייץ גוגענהיים-גרינבערג 1954; 1958: 92-91; 1961; 1969;

איבער פראנקען בעראנעק 1961: 288). אין דרום-מערב
יידיש באווייזט זיך דער קמץ ענטפערער ווי דער אומספקדיקער
וואָקאל 12, דער לכתחילה לאנגער וואָקאל, דעריבער almṓnə,
xṓləm, kṓvəd, pṓtər, parnṓsə, klṓlə אָדער almɔ́unə, xɔ́uləm,
kɔ́uvəd, pɔ́utər, parnɔ́usə, klɔ́ulə אָדער almū́nə, xū́ləm,
kū́vəd, pū́tər, parnū́sə, klū́lə אָבער קיין מאָל ניט *almā́nə,
*xā́ləm, *kā́vəd, *pā́tər, *parnā́sə, *klā́lə (זען למשל
בעראנעק 1965: 125-124; גוגענהיים-גרינבערג 1973: 62-
63; איבער עלזאס פּאָרזשעס 1921: 194-193; צוקערמאַן
1969: 48-47; איבער דער שווייץ גוגענהיים-גרינבערג 1954;
1958: 93-92; איבער פראנקען בעראנעק 1961: 295;
לעווענשטיין 1975-1973). אזוי ארום ווערט בטל די סטאנדארד-
טעאָריע פון לענגונג אין אָפענעם טראף (§ 9).

די פארענטפערונג פון דער קמץ מיסטעריע, די
דערקענונג אז דער קמץ באווייזט זיך אין יידיש ווי וואָקאל
12, ברענגט דער יידישער פאָנאָלאָגיע א נייע צרה. וואו איז
וואָקאל 13 אינעם סעמיטישן חלק? וואָסערער וואָקאל פונעם
סעמיטישן חלק איז צונויפגעוואקסן מיטן טיפ טאָג, זאָגן,
נאָסען אינעם גערמאנישן חלק? מיר ווייסן אז וואָקאל 13
אינעם גערמאנישן חלק האָט זיך אָנגעהויבן ווי א קורצער,
אקצענטירטער, אָפנטראַפיקער a אָדער א פארמאכטראַפיקער
אלאָמאָרף זיינער. היות ווי דער קמץ איז געווען לכתחילה לאנג
איז ער אוים קאנדידאט. מיר האָבן פאָרויסגעזאָגט אז
רעשטלעך פון א פארלוירענעם וואָקאל 13 אינעם סעמיטישן חלק
האָבן זיך געמוזט ערגעץ אויפהיטן. אָט דעם פארלוירענעם

װאָקאל 13 דארף מען זוכן קודם כל אין ענטפערס פונעם אקצענטירטן, אָפנטראפיקן פתח. דער טיפ גנב, כלה, שבת קען אונדז דאָ ניט העלפן מחמת דעם װאָס דער טראף אין װעלכן דער פתח שטײט איז לכתחילה געװען ניט אקצענטירט ניט אָפן — די טבריהר ענטפערס זײנען gannɔ́v, kallɔ́, šabbɔ́θ. ערשט אין משך פון דער געשיכטע פון ײדיש האָבן זיך פארלאָפן דער איבעררוק פון טראָפ אויף מלעיל און די דעגעמינירונג. אין קדמון ײדיש איז אָט דער פתח נאָך געשטאנען און א פארמאכטן טראף און אזוי איז ער געבליבן בעת דער לענגונג פון װאָקאל 13 — אניט װאָלט ער אויך געלענגט געװאָרן. פון דעם טיפ טעם טעם, בעס, מרשעת קען מען אויך קײן זאך ניט אָפלערנען כאָטש דער פתח איז לכתחילה אויך געשטאנען אין אן אקצענטירטן אָפענעם טראף דערפאר װײל װעלכע ניט איז סימנים פון לענגונג קענען װאקסן פונעם אָנװער פון ע װי א קאָנסאָנאנט. אָט דער אָנװער האָט גורם געװען צװײ נאָכאנאנדיקע װאָקאלן און צװײ נאָכאנאנדיקע װאָקאלן זײנען דאָך אלעמאָל עלול פארװאנדלט צו װערן אין אײן לאנגן װאָקאל. װאָקאל 13 אנטפלעקט זיך אינעם סעמיטישן חלק דאָרטן װאו א היסטאָריש אקצענטירטער אָפנטראפיקער פתח קומט פאר א קאָנסאָנאנט װאָס איז אויף ײדיש ניט פארשװאונדן געװאָרן. אזא מין פתח טרעפט מען אינעם טיפ בית, יין, ירושלים, לחש, נחת, פחד — די טבריהר ענטפערס זײנען bájiθ, jájin, jərūšɔ̄lájim, láḥaš, náḥaθ, páḥaδ. אין גאנץ מערב ײדיש װערן אָט די אײנסן

רעאליזירט מיט ā, דעריבער bā́jəs, jā́jən, jərušəlā́jəm,
lā́xəš, nā́xəs, pā́xəd. בלויב אין דרום מערב יידיש איז
אָט די סעריע געבליבן צונויפגעוואקסן מיט די ענטפערערס
פון וואָקאַל 13 אינעם גערמאַנישן חלק (דער טיפּ טאָג, זאָגן, נאָמען) און במילא מיט די וואָקאַלן 24 און 44.
אין צפונדיקן טייל פון מערב יידיש וואו וואָקאַל 13 אינעם
גערמאַנישן חלק האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט וואָקאַל 12 אין
ō̄ האָט זיך דער סעמיטישער וואָקאַל 13 צונויפגעגאָסן נאָר
מיט די וואָקאַלן 24 און 44. אָט די ā רעאליזירונג פונעם
וואָקאַל 13 אין סעמיטישן חלק האָט זיך אפילו אויפגעהיט אין
א היפשן טייל פונעם מערבדיקן צענטראַל יידיש. אינעם
מזרחדיקן יידיש, זיינען בית און יין אָנגעוואוירן געוואָרן ווי
לעקסישע איינסן אָבער איטלעך וואָרט פון דעם טיפּ וואָס האָט זיך
אויפגעהיט אין מזרחדיקן יידיש ווערט אין מערבדיקן צענטראַל
יידיש רעאליזירט מיט ā אזוי ארום אז אין מערבדיקן
צענטראַל יידיש ווערט דער טיפּ ירושלים, נחת, פּחד רעאליזירט
jərišəlā́jəm, nā́xəs, pā́xəd אין איינעם מיט וואָקאַל 34 (דער
טיפּ vāb 'ווייב', tābl 'טייבל', šnādn 'שניידן'). אין
מזרחדיקן צענטראַל יידיש, אין דרום-מזרח יידיש און אין צפון-
מזרח יידיש האָט זיך דער סעמיטישער וואָקאַל 13 אומגעקערט צו
זיין תחילהדיקער קוואַליטעט. אין טייל פון די שטחים איז די
סיבה געווען וואָס די וואָקאַלישע סיסטעם האָט ניט געהאַט קיין
לאַנגן ā אזוי ארום אז די פּאָר איינסן האָבן זיך צונויפגעגאָסן
מיט זייערע אַמאָליקע וואָקאַלישע לאַנדסלייט, לעקסישע איינסן מיט

װאָקאַל 11, װעלכער װערט רעאַליזירט a אחוץ אין טײלן דרום-מזרח ײדיש װאו ער האָט זיך אין מערסטע פֿאַנעטישע שכנותן צונױפֿגעגאָסן מיט װאָקאַל 41 אין ב. די שאַרף װאַריאירנדיקע צונױפֿפֿאָרונג מיט פֿאַרשײדענע װאָקאַלן פֿונעם געדמאַנישן חלק אויף פֿאַרשײדענע שטחים איז ניט קײן חידוש. װאָקאַל 13 איז נאָך אלעמען א סעקונדער אויפֿגעקומענער. ער איז געבוירן געװאָרן װי א פּועל יוצא פֿון דער לענגונג אין אָפֿענע טראַפֿן װאָס האָט זיך שוין פֿאַרלאָפֿן אין משך פֿון דער געשיכטע פֿון ײדיש. קײן ריכטיקער קדמון װאָקאַל איז ער ניט. איטלעכער װאָקאַל 13 איז אמאָל געװען װאָקאַל 11.

15. א װאָרט צום סוף

אויב מען זאָל װעלן ארויסהײבן די פֿאָרשערישע תחומען װעלכע קענען געניסן פֿון א נײער באהאנדלונג פֿונעם מקור פֿונעם סעמיטישן חלק אין ײדיש קען מען אָנװײזן לפּחות אויף דרײ. װאָס איז שײך דער געשיכטע פֿון ײדיש ברענגען די מעטאָדן פֿון דער אינעװײניקסטער און קאָמפּאַראַטיװער רעקאָנסטרוקציע א קאָנטראָלירלעכע מעגלעכקײט אויף צו דערגײן װען בערך דער סעמיטישער חלק איז ארײן אינעם לשון פֿון די ײדן אין אשכנז. דער צונױפֿװאוקס פֿונעם סעמיטישן חלק מיטן געדמאַנישן איז אײנער פֿון די יסודותדיקסטע סימנים פֿונעם לינגװיסטישן מהות פֿון ײדיש. אזוי ארום װעט א נײע פֿאָרשערישע עקספּעדיציע מיט א פֿרישן קוק זײן בכוח זיך צו דערגרונטעװען צו די סאמע אָנהײבן פֿון ײדיש (§ 3).

צװײטנס האָט די פּראָבלעם א חשיבות פֿאַר דער היסטאָרישער

לינגוויסטיק בכלל. מען האָט שוין א סך מאָל דערמאָנט אז א צאָל עיקרדיקע טעאָריעס פון דער היסטאָרישער לינגוויסטיק לאָזן זיך איבערפּרואוון דורך פאָרשונגען איבער דער געשיכטע פון ייִדיש מער איידער איבער דער געשיכטע פון אנדערע לשונות. איינע פון די סיבות דערפאר איז דער גוואלדיקער סכום פילאָלאָגישער מאטעריאל וואָס איז פאראן וועגן די שפּראכן פון וועלכע ייִדיש האָט ארייַנבאקומען די חלקים זייַנע. נאָך מער א יחיד במינו איז דער סעמיטישער חלק אין ייִדיש מחמת דעם וואָס קיין קאָטעריטאָריאלע סעמיטישע לשונות זייַנען אין צענטראל אייראָפּע ניט געווען בנמצא אזוי ארום אז כוואליעס השפּעה פון שכנותדיקע שפּראכן קומען ניט אין באטראכט. די קאָנפראָנטירונג צווישן דער טעקסטן-טעאָריע און דער ירושה-טעאָריע איז דעריבער א דירעקטע און א קלאָרע.(§1).

דריטנס האָט דאָ די סעמיטיסטיק אויך עפּעס וואָס זיך צו לערנען. די רעקאָנסטרוקציע ווייַזט אויך אז די סטאנדארד-טעאָריע וועלכע פּאָסטולירט לענגונג אין אָפּענעם טראף איז א טעותדיקע (§§ 11-14). דער ענטפּערער פונעם אָפּנטראפּיקן צירה איז וואָקאל 22. וואָקאל 22 קען ניט זייַן קיין געלענגטער וואָקאל 21 מחמת דעם וואָס 25 איז דער געלענגטער 21. דער ענטפּערער פונעם אָפּנטראפּיקן קמץ איז וואָקאל 12. וואָקאל 12 קען ניט זייַן קיין געלענגטער וואָקאל 11 מחמת דעם וואָס 13 איז דער געלענגטער 11. דערפון ווערט געדרונגען אז די וואָקאלן 22 און 12 זייַנען קדמון ייִדישע אויך אינעם סעמיטישן חלק אָבער נאָר אין אָפּענעם טראף. אין פארמאכטן טראף זייַנען די אָפּאָזיציעס 22 כנגד 21 און 12 כנגד 11 געווען

סינכראָניש נייטראליזירט. נייטראליזירט זיינען זיי געבליבן אינעם סעמיטישן חלק ביזן היינטיקן טאָג. די סעמיטישע וואָקאלישע סיסטעם וואָס איז אריין אין יידיש איז געשטאנען צווישן דער אזוי אָנגערופענער טבריהר סיסטעם פון איין זייט און דער אזוי אָנגערופענער ארץ ישראלדיקער פינפוואָקאלישער סיסטעם פון דער אנדערער זייט. דער סעמיטישער וואָקאליזם וואָס יידן האָבן אריינגעבראכט אין אייראָפּע אריין איז כאראקטעריזירט געוואָרן דורך די טבריהר אָפּאָזיציעס אין אָפענעם טראָף בעת אין פארמאכטן טראָף זיינען די שייכותדיקע אָפּאָזיציעס נייטראליזירט געווען אויפן ארץ ישראלדיקן שטייגער. פון יידיש ווערט דערוויזן דער קיום פון אָט אזא מין וואָקאלישער סיסטעם אין צפון-מערב סעמיטיש.

דאָס וויכטיקסטע איז אז די נייע יידישע פילאָלאָגיע מוז זיין גרייט זיך צו באפרייען פון פארגליווערטע און איבערגעקייעטע טעאָריעס וואָס האָבן אין משך פון די דורות באקומען א קדושה פון אמהן (§ 2). קיין אמתן זיינען אין דער וויסנשאפט ניטאָ נייערט פאראדיגמעס וואָס לאָזן זיך נאָכגיין אָדער אָפּפרעגן. ביים באהאנדלען די פּראָבלעמען און ספקות אין דער געשיכטע פון יידיש מוז די יידישע פילאָלאָגיע אלעמאָל גרייט זיין אָנצוהייבן אויף ס'ניי מיט א תיקו.

**** **** **** **** **** **** ****
**** **** **** **** **** ****

# ביבליאָגראפישע רשימה


אד"ם [אברהם דוב-בער מיכאלישקער] הכהן בן חיים לעבענזאָהן

1874 „יתרון לאדם" אין יהודה ליב בן זאב, ספר תלמוד לשון עברי. האלמנה והאחים ראם, ווילנע.

פ. ק. ב. אווע-לאלעמאן

Friedrich Christian Benedict Avé-Lallemant, 1862-1858 Das deutsche Gaunerthum in seiner social-politischen, literarischen und linguistischen Ausbildung zu seinem heutigen Bestande. F. A. Brockhaus, Leipzig.

ש. אײזענשטאט

1908 „די געאָגראפישע גרענעצן פון אונדזער שפראך און אירע אויססשפראכן" אין ליטעראַרישע מאנאטסשריפטן (ווילנע), 4: 85-98.

אילן אלדר (אדלר)

1975 „ניקוד ההגדה של פסח במחזור ויטרי", לשוננו, 39: 192-216.

1976 „לבירור מהותו ולגלגוליו של הניקוד הארץ-ישראלי — טברני", אפרת כרמון (רעד'), חקר ועיון במדעי היהדות. אוניברסיטת חיפה, חיפה, 39-48.

אליה בחור

1542 שמות דברים בלשון עברי ובלשון רומיי גם אשכנזי כנגדן מסודרים כסדר אלפא ביתא על ידי המחבר אליה לוי אשכנזי המדקדק לחן ולרצון לכל תלמידי לשון הקדש. איסני.

1545 ספר תהלים דא האט איר דש תלים אויש לשון הקודש גימאכט אין טוייטשר שפרוך דורך דען גילערנטן מאן אליה בחור אשכנזי הלוי.
קורניליין אדיל קינד אונ׳ מאיר בר יעקב
איש פרענץ, וינידיג.

ה. אמערסבאך

1689 Heinrich Ammersbach, *Neues ABC Buch*. Johann Daniel Müller, Magdeburg.

ש. אסף

1942 „מכתבים באידיש מירושלים עיר הקודש״, ציון, 7: 72-65.

בער באָראָכאָװ

1913א די ביבליאָטעק פונעם ײדישן פילאָלאָג. הוספה צו ש. ניגער 1913.

1913ב „די אויפגאבן פון דער ײדישער פילאָלאָגיע״ אין ש. ניגער 1913: 1-22.

1913ג „אָנמערקונגען צום פּאָריקן ארטיקל״ [=טשעמערינסקי 1913] אין ש. ניגער 1913: 71-78.

1913ד „א געדוס פון פאר דריי הונדערט יאָר״ אין ש. ניגער 1913: 351-356.

1915 „די עלטסטע ײדישע פיעסע״ אין נחמן מייזיל (רעד׳), בער באָראָכאָװ, שפראַך-פאָרשונג און ליטעראטור-געשיכטע, פארלאג י.ל. פרץ, תל אביב 1966, 222-225.

י. בוקסטאָרף

1603 Johann Buxtorf, *Synagoga judaica. Das ist Jüden Schul*. S. Henricpetri, Basel.

1609 *Thesaurus grammaticus linguæ sanctæ hebrææ*. Conrad Waldkirch, Basel.

## ביבליאָפילוס

1742 Bibliophilus, Jüdischer Sprach-Meister, oder Hebräisch-Teutsches Wörter-Buch. Frankfurt a. M. & Leipzig.

## שלמה בירנבוים

1923 Salomo A. Birnbaum, "Übersicht über den jiddischen Vokalismus", Zeitschrift für deutsche Mundarten, 18: 122-130.

1931 „קמץ = o" אין ייוואָ-בלעטער, 1: 147-149.

1932 "Das älteste datierte Schriftstück in jiddischer Sprache", Beitrage zur Geschichte der deutschen Sprache und Literatur, 56: 11-22.

1934 „די היסטאָריע פון די אלטע u-קלאנגען אין יידיש" אין ייוואָ-בלעטער, 6: 25-60.

1939 „דאָס עלטסטע בריוול אויף יידיש" אין י. א. ליסקי, נ.מ. סידאָ, א.נ. שטענצל (רעד'ן), יידיש לאָנדאָן, יידישע קולטור-געזעלשאפט „איקוף", לאָנדאָן, 2: 106-109.

1961 "Old Yiddish or Middle High German?", Journal of Jewish Studies, 12: 19-31.

## מלאכי בית-אריה

1965 „ניקודו של מחזור ק"ק וורמייזא", לשוננו, 29: 27-46; 80-102.

## יחיאל בן-נון

1973 Jechiel Bin-Nun, Jiddisch und die deutschen Mundarten. Unter besonderer Berücksichtigung des ostgalizischen Jiddisch. Max Niemeyer, Tübingen.

1974 „שלוש הערות", לשוננו, 38: 313-317.

פ. י. בעראנעק

Franz J. Beranek, "Die fränkische Landschaft des Jiddischen", *Jahrbuch für fränkische Landesforschung*, 21 [=Festschrift Ernst Schwarz II]: 267-303. 1961

*Westjiddischer Sprachatlas*. N. G. Elwert, Marburg. 1965

צבי ניסן גאָלאָמב

1910 *מלים בלשוני*. *העברעאיש-יידישעס ווערטערבוך*. א. יאַווארקאָווסקי, ווילנע.

פ. גוגענהיים-גרינבערג

Florence Guggenheim-Grünberg, "The Horse Dealers' Language of the Swiss Jews in Endingen and Lengnau", U. Weinreich 1954: 48-62. 1954

"Zur Phonologie des Surbtaler Jiddischen", *Phonetica*, 2: 86-108. 1958

*Gailinger Jiddisch*. Vandenhoeck & Ruprecht, Göttingen [=Lautbibliothek der deutschen Mundarten, 22]. 1961

"Endinger Jiddisch", Herzog, Ravid & Weinreich 1969: 8-15. 1969

*Jiddisch auf alemannischem Sprachgebiet*. Juris, Zürich. 1973

דוד גינסבערג

1938 „פריוואטע יידישע בריוו פונעם יאָר 1533" אין *ייוואָ-בלעטער*, 13: 325-344.

י. גערצאָן

Jacob Gerzon, *Die jüdisch-deutsche Sprache. Eine grammatisch-lexikalische Untersuchung ihres deutschen Grundbestandes*. J. Kauffmann, Frankfurt a. M. 1902

מ. גרינבוים

1882 Max Grünbaum, Jüdischdeutsche Chrestomathie. F. A. Brockhaus, Leipzig.

פ. דע סאָסיר

1916 Ferdinand de Saussure, Cours de linguistique générale. Publié par Charles Bally et Albert Sechehaye. Librairie Payot, Lausanne & Paris.

פ. האזעלבאוער

1742 Franciscus Haselbauer, Fundamenta grammatica duarum præcipuarum linguarum orientalium scilicet hebraicæ et chaldaicæ. Carolo-Ferdin, Prague.

מ.ג. הײדע

1974 Manfred Gernot Heide, Graphematisch-phonematische Untersuchungen zum Altjiddischen. Der Vokalismus. Herbert Lang, Bern & Peter Lang, Frankfurt a. M. [=Europäische Hochschulschriften, Reihe I, Bd. 106].

רפאל הלוי

1957 Raphael Loewe, "The Mediaeval Christian Hebraists of England", Hebrew Union College Annual, 28: 205-252.

יוסף הערץ

1854 אסתר אָדער דיא בעלאָהנטע טוגענד. ז.ב. גוסדאָרפער, פירט.

מיכל הערצאָג

1965 Marvin I. Herzog, The Yiddish Language in Northern Poland: Its Geography and History. Indiana University, Bloomington & Mouton, The Hague.

מ. הערצאָג, װ. ראַװיד און א. װײַנרײַך

1969 Marvin I. Herzog, Wita Ravid & Uriel Weinreich (eds.), The Field of Yiddish. Studies in Language, Folklore, and Literature. Third Collection. Mouton, The Hague.

י.ק. װאַגענזײַל

1699 Johann Christof Wagenseil, Belehrung der Jüdisch-Teutschen Red- und Schreibart. Paul Friedrich Rhode, Königsberg.

[אהרן האללע] װאָלפסזאָהן

1798 לײַכטזין אונד פרעממעלײַא. אײַן פאמיליען גמהעלדע אין דרײַא אויפציגן. בדפוס יוחנן לוי רופא ובנו בנימן, אמסטערדאם.

מ. װײַנגער

1913 „העברעאישע קלאנגען אין דער ײדישער שפראך" אין ש. ניגער 1913: 79-84.

ב. װײַנריב

1937 „א פעקל בריװ אין ײדיש פון יאָר 1588 קראָקע—פראָג (פון דער שטאָט-ביבליאָטעק אין ברעסלע)" אין א. טשעריקאָװער (רעד׳), היסטאָרישע שריפטן [פון ײװאָ], װילנע, 2: 43-67.

אוריאל װײַנרײַך

1953 Uriel Weinreich, Languages in Contact. Findings and Problems. Publications of the Linguistic Circle of New York, No. 1, New York.

1954 (ed.), The Field of Yiddish. Studies in Yiddish Language, Folklore, and Literature. Linguistic Circle of New York, New York.

1958 „נוסח הסופרים העברי-יידי", לשוננו, 22: 54-66.

מאקס ווײַנרײַך

1923 שטאַפּלען. פֿיר עטיודן צו דער יידישער שפּראַך-וויסנשאַפֿט און ליטעראַטור-געשיכטע. וואָסטאָק, בערלין.

1926 „א יידיש ליד וועגן שבתי צבי פֿון יאָר 1666" אין ב. אָרשאַנסקי (רעד'), צײַטשריפֿט (מינסק), 1: 159-172.

1928א בילדער פֿון דער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע פֿון די אָנהייבן ביז מענדעלע מוכר-ספֿרים. פֿאַרלאַג טאָמאָר פֿון יוסף קאַמערמאַכער, ווילנע.

1928ב „די יידישע שפּראַך-פֿאָרשונג אין 17טן יאָרהונדערט" אין ב. אָרשאַנסקי (רעד'), צײַטשריפֿט (מינסק), 2-3: 689-732.

1931 „וואָס וואָלט יידיש געווען אָן העברעאיש?" אין די צוקונפֿט, 36: 194-205.

1940א „יידיש" אין אלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן ב, דובנאָוו-פֿאָנד, פּאַריז, 23-90.

1940ב „יידישע פֿילאָלאָגיע" אין אלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן ב, דובנאָוו-פֿאָנד, פּאַריז, 101-108.

1954 Max Weinreich, "Prehistory and Early History of Yiddish: Facts and Conceptual Framework", U. Weinreich 1954: 73-101.

1954-1955 „עיקרים אין דער געשיכטע פֿון יידיש" אין יידישע שפּראַך, 14: 97-110; 15: 12-19.

1958 „ראשי-פּרקים וועגן מערבדיקן יידיש" אין יודל מארק (רעד'), יודא א. יאָפֿע-בוך, יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט, ניו-יאָרק, 158-194.

1960א "Old Yiddish Poetry in Linguistic-Literary Research", Word, 16: 100-118.

1960ב „די סיסטעם יידישע קדמון-וואָקאלן" אין יידישע שפּראַך, 20: 65-71.

1963-1964 „ראשית ההברה האשכנזית בזיקתה לבעיות קרובות של היידיש ושל העברית האשכנזית", לשוננו, 27-28: 131-147, 230-251, 318-339.

1973 געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך. באַגריפן, פאַקטן, מעטאָדן. יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, ניו-יאָרק.

נתן זיסקינד

1953 „באַטראַכטונגען וועגן דער געשיכטע פון יידיש" אין יידישע שפּראַך, 13: 97-108.

1965 „פּרינציפּן ביים פאָרשן יידישע לשונות" אין יידישע שפּראַך, 25: 1-17.

1969-1970 „אלטיידיש און מיטל-יידיש" אין יידישע שפּראַך, 29: 43-64.

ג. זעליג

1767 Gottfried Selig, Kurze und gründliche Anleitung zu einer leichten Erlernung der jüdischdeutschen Sprache. Christian Friedrich Rumpf, Leipzig.

א. זענערט

1666 Andreas Sennert, Rabbinismus h.e. præcepta targumico-talmudico-rabbinica. Typis & sumptibus Fincelianis, Wittenberg.

י.ח. טביוב

1903 „היסודות העברים בזרגון", הזמן (ס"ט פּעטערבורג), מאסף 3: 126-144 [טייל].

ח. טשעמערינסקי

1913 „די יידישע פאָנעטיק" אין ש. ניגער 1913: 47-71.

יודא א. יאָפע

1954 Judah A. Joffe, "Dating the Origin of Yiddish Dialects", U. Weinreich 1954: 102-121.

יודא א. יאָפע און יודל מארק

1961 (רעד'ן), *גרויסער ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראך*. באנד I. קאָמיטעט פארן גרויסן ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראך, ניו-יאָרק.

חנוך ילון

1938 „שבילי מבטאים”, *קונטרסים לעניני הלשון העברית*, 1: 62-78.

1939א „דיוקים בפירוש רש"י על תרי עשר”, *קונטרסים לעניני הלשון העברית*, 2: 9-11.

1939ב „בגליוני ספרים”, *קונטרסים לעניני הלשון העברית*, 2: 33-35.

1942א „הגייה ספרדית בצרפת הצפונית בדורו של רש"י ובדורות שלאחריו”, *עניני לשון*, 1: 16-31.

1942ב „על הגיית החטפים והקמץ החטוף באשכנז”, *עניני לשון* 1: 31-36.

1943 „בגליוני דפוס ראשון של רד"ק על תהלים”, *עניני לשון*, 2: 49-52.

א. לאנדוי און ב. וואכשטיין

1911 Alfred Landau & Bernhard Wachstein, *Jüdische Privatbriefe aus dem Jahre 1619*. Wilhelm Braumüller, Wien & Leipzig.

שלמה לעווענשטיין

1973-1975 „די שארית-הפליטה פון יידיש אין פראנקען” אין *יידישע שפּראך*, 32: 24-33; 33: 37-45; 34: 37-43.

י. װ. מארשאַן

James W. [1957 רעצענזיע איבער פוקס] 1959
Marchand, Word, 15: 383-394.

"Three Basic Problems in the Investigation of 1960
Early Yiddish", Orbis, 9: 34-41.

"The Origin of Yiddish", Communications et 1965
Rapports du Premier Congrès International de
Dialectologie générale, Centre International de
Dialectologie générale, Louvain [=Travaux
publiés par le Centre International de
Dialectologie générale de l'Université
Catholique de Louvain, IX], 3: 248-252.

שלמה מורג

Sh[elomo] Mo[rag], "Pronunciations of Hebrew", 1971
Encyclopaedia Judaica, Macmillan, Jerusalem,
13: 1120-1145.

מתתיהו מיזעס

„מתתיָהו מיזעסעס רעפעראט װעגן דער יידישער 1908
שפראַך" אין מאקס װײַנרײַך און זלמן רײזען
(רעד'ן), די ערשטע יידישע שפראַך-קאָנפערענץ.
באריכטן, דאָקומענטן און אָפּקלאַנגען פון דער
טשערנאָװיצער קאָנפערענץ 1908, יידישער
װיסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, װילנע, 1931,
.193-143

Matthias Mieses, Die jiddische Sprache. Eine 1924
historische Grammatik des Idioms der
integralen Juden Ost- und Mitteleuropas.
Benjamin Harz, Berlin & Wien.

שלמה נאָבל

Shlomo Noble, "Yiddish Lexicography", 1962-1961
Jewish Book Annual (New York), 19: 17-22.

„העברעאיזמען אין דעם יידיש פון מיטל-אשכנז 1964
אין 17טן יאָרהונדערט" אין מאקס װײַנרײַכן צו
זײַן זיבעציקסטן געבוירן-טאָג. שטודיעס װעגן
שפּראַכן בײַ יידן, װעגן יידישער ליטעראַטור און
געזעלשאַפט. מוטאָן, האַג.

ש. ניגער

1913 (רעד'), דער פנקס. יאָרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפיע. ב.א. קלעצקין, ווילנע.

ע. סאַפּיר

1915 Edward Sapir, "Notes on Judeo-German Phonology", Jewish Quarterly Review (Philadelphia), 6[new series]: 231-266.

משה צבי סגל

1928 יסודי הפוניטיקה העברית. חקירה בהברון העברי ותולדותיו. ספריה היסטורית-פילולוגית יו"ל ע"י ד"ר יהודה יונוביץ, ירושלים.

1929-1928 „לתולדות המבטא של הקמץ", לשוננו, 1: 39-33.

נ. פּאָרזשעס

1921 N. Porgès, "Remarques sur le Yidisch alsacien-lorrian", Revue des Études Juives (Paris), 72: 192-200.

מ. פּינעס

1911 די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור ביזן יאָר 1890. ב. שימין, וואַרשע.

א. פּפייפער

1680 August Pfeiffer, Critica Sacra. Gabriel Hübner, Dresden.

נח פּרילוצקי

1920 צום ייִדישן װאָקאַליזם. עטיודן. באַנד I [=ייִדישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען. מאַטעריאַלן פאַר אַ װיסנשאַפטלעכער גראַמאַטיק און פאַר אַן עטימאָלאָגיש װערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך. באַנד IV]. נײַער פאַרלאַג, װאַרשע.

ל. פוקס

1957 L. Fuks, The Oldest Known Literary Documents of Yiddish Literature (c. 1382). E.J. Brill, Leiden.

פילאָגלאָטוס

1733 Philoglottus [=J. P. Lütke], Kurze und gründliche Anweisung zur Teutsch-Jüdischen Sprache. Christoph Matthäi, Freiberg.

ק.װ. פרידריך

1784 Carl Wilhelm Friedrich, Unterricht in der Judensprache und Schrift zum Gebrauch für Gelehrte und Ungelehrte. Chr. Gottf. Ragoczy, Prenzlau.

יום-טוב ליפּמאַן צונץ

1832 Leopold Zunz, Die gottesdienstlichen Vorträge der Juden, historisch entwickelt. A. Asher, Berlin.

ר. צוקערמאַן

1969 Richard Zuckerman, "Alsace: An Outpost of Western Yiddish", Herzog, Ravid & Weinreich 1969: 36-57.

ישראל צינבערג

1937 די געשיכטע פון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן. באַנד VI. [ = אַכטער טייל. אַלטייִדישע ליטעראַטור פון די עלטסטע צײַטן ביז דער השׂכּלה-תּקופֿה] צװייטע אױפלאַגע, פאַרלאַג טאָמאָר, װילנע.

י. ה. קאלענבערג

Johann Heinrich Callenberg, *Jüdischteutsches Wörterbüchlein*. Buchdruckerei des jüdischen Instituti, Halle. 1736

ר. מ. קאָפּלאַנד און נ. זיסקינד

Robert M. Copeland & Nathan Süsskind, *The Language of Herz's Esther: A Study in Judeo-German* [sic] *Dialectology*. University of Alabama Press, University [Alabama]. 1976

ב. קלאר

„לתולדות המבטא העברי בימי הבינ״ים״, *לשוננו*, 17: 72-75. 1951

וו. ק. י. קריזאנדער

Wilhelm Christian Just Chrysander, *Jüdisch-Teutsche Grammatik*. Johann Christoph Meisner, Leipzig & Wolfenbüttel. 1750

זלמן רובאשאָוו [=שזר]

„ידישע גביות-עדות אין די שאלות-והשובות פון אָנהייב XV ביזן סוף XVII י״ה״ אין א. טשעריקאָווער (רעד׳), *היסטאָרישע שריפטן* [פון ייוואָ], קולטור-ליגע, וואַרשע, 1: 115-196. 1929

בן ציון רובשטיין

*די אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון דער ידישער שפראך (די סאָציאָלאָגישע און געשיכטלעכע פאקטאָרן)*. שול און לעבן, וואַרשע. 1922

זלמן רייזען

*גראמאטיק פון דער ידישער שפראך*. ש. שרעבערק, ווילנע. 1920

1923 פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע. האנטבוך פאר דער געשיכטע פון דער יידישער השכלה-ליטעראטור מיט רעפּראָדוקציעס און בילדער. קולטור-ליגע, ווארשע.

װ. ע. רייצענשטיין

1764 Wolf Ehrenfried von Reizenstein, Der vollkommene Pferde-Kenner. Johann Simon Meyer, Uffenheim.

ע. שאדע

1592 Elias Schade, Mysterium. Simon Meyer, Strassburg.

י. י. שודט

1714 Johann Jacob Schudt, Jüdische Merkwürdigkeiten. Samuel Tobias Hocker. Frankfurt a. M. & Leipzig.

א. שולמאן

1898 „עמקי שפה", השלוח. מכתב-עתי חדשי למדע, לספרות ולעניני החיים (בערלין), 4: 37-46, 106-112, 221-229.

נחום שטיף

1913 בעל דמיון, [רעצענזיע איבער פּינעס 1911] אין ש. ניגער 1913: 313-348.

1922 (איבערזעצער), מ. גידעמאן, יידישע קולטור-געשיכטע אין מיטלאלטער. כלל-פארלאג, בערלין.

1929 „די סאָציאלע דיפערענציאציע אין יידיש" אין די יידישע שפּראך (קיעוו), 1-5(17-18): 1-22.

װ. שטערק און א. לייצמאן

1923 W. Staerk & A. Leitzmann, Die jüdisch-deutschen Bibelübersetzungen von den Anfängen bis zum Ausgang des 18. Jahrhunderts. J. Kauffmann: Frankfurt a. M.

ל. שײנעאנו

1889 Lazăr Șaineanu, Studiu Dialectologic asupra Graiului Evreo-German. Eduard Wiegand, Bucharest.

יצחק שיפער

1924 „דער אָנהײב פון ‚לשון אשכנז' אין דער באלײכטונג פון אָנאָמאטישע קװעלן" אין מ. װײנרײך, נ. פרילוצקי און זלמן רײזען (רעד'ן), ײדישע פילאָלאָגיע, קולטור-ליגע, װארשע, 1: 101-112, 272-287.

1933 „לשון אשכנז' בעתן 14טן און 15טן י"ה" אין נ. פרילוצקי און ש. לעהמאן (רעד'ן), ארכיװ פאר ײדישער שפראך-װיסנשאפט, ליטעראטור-פאָרשונג און עטנאָלאָגיע, נײער פארלאג, װארשע, 1: 79-90.

חנא שמערוק

1975 „די אלטײדישע ליטעראטור: אירע אָנהײבן, מעגלעכקײטן און פרימערע קאָנטאקטן" אין ח. בעז (רעד'), פנקס פאר דער פאָרשונג פון דער ײדישער ליטעראטור און פרעסע, אלװעלטלעכער ײדישער קולטור-קאָנגרעס, ניו-יאָרק, 3: 139-218.

1977 Khone Shmeruk, "The Hebrew Acrostic in the Yosef Hatsadik Poem of the Cambridge Yiddish Codex", Michigan Germanic Studies (Ann Arbor), 3.2: 67-81.